STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00890

HEYMLAND

Itzik Fefer

*Permanent preservation of this book was made possible by
Rabbi Louis Stein
in memory of
his parents, Edith & Alex Stein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פעפער

הײמלאַנד

צײכנונגען פון
מאַרק שאַגאַל

אַרױסגעגעבן פון איקאָר
ניו יאָרק, 1944

לכבוד דער באַגעגעניש וואָס די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון איקאָר האָט געהאַט מיט דער סאָוועטישער דעלעגאַציע, שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, דינסטיק אָוונט, דעם 21טן סעפטעמבער, 1943, אין לינקאָלן האָטעל, ניו יאָרק, איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ בוך בירא־בידזשאַנער לידער „היימלאַנד" פון חשוב׳ן דיכטער. די גאַנצע איינאַמע פון דעמדאָזיקן בוך גייט פאַר הילף צו דער רויטער אַרמיי.

דער באַרימטער מאַלער מאַרק שאַגאַל האָט בייגעטראָגן זיינע צייכנונגען פאַר „היימלאַנד" ווי אַ מתנה צו דער הילף אַקציע פאַר דער רויטער אַרמיי.

„היימלאַנד" איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון י. א. ראָנטש, רעדאַקטאָר פון „ניי לעבן", חודש זשורנאַל פון איקאָר.

ITZIK FEFFER — "HEIMLAND"
Published by
THE ICOR ASSOCIATION
1 Union Square, New York 3, N. Y.
Printed in the U. S. A.

איציק פעפער

I

מאַרק שאַגאַל — נאָר דער אַלטער ווײַן איז גוט . . .

מאַרק שאַגאַל — דאָס איז מיינס

דאָס איז מיינס

גיי אַרויס אפן פעלד, טו אַ קוק אפן וואוקס פונעם קאָרן,
טו אַ קוק, ווי עס ציִען די קערנער די זאַנגען צו דר'ערד,
טו אַ קוק, וואָס פון דאָרן, פון מאָגערן פעלד איז געוואָרן,
טו אַ קוק, וואָס פון ערד און פון שטויב און פון זוימען
צעשאָטענע ווערן!

גיי אַרויס אינעם פּאַרק, ווען די זון טוט אַ פאַל אויף די
בוימערשע שפּיצן,
טו אַ קוק אף די קינדער, וואָס שטיפן און לאַכן און טאַנצן אַרום,
טו אַ קוק אף די קעפּלעך די פרישע, די בעקלעך ווי פערשקעס,
די אויגן ווי בליצן,
טו אַ קוק אף די בראָנזענע קינדער, וואָס פינקלען ווי פונקען
פון יוליגער זון.

גיי אַרויס אפן פלאַץ, טו אַ קוק אפן הימל דעם קלאָרן,
טו אַ קוק אף די שטאָלענע פויגלען, וואָס אַקערן, שניידן די ווייט,
דאָרט טראָגט זיך מיין פרייד, אין אַ העמדל אַ זיידנס געבאָרן,
דאָרט טראָגט זיך די שענסטע, די לויטערסטע צייט!

גיי אַרויס אפן טייך, טו אַ קוק אפן פריילעכן וואַסער,
טו אַ קוק אף די שיפן די שווערע, באַלאָדן מיט רייכקייט און רו.
ס׳איז דאָס גאָלד פון אַלטיי, און דער סטאַלינער שטאָל און
די קוילן קוזבאַסער,
ס׳איז אַ גרוס פונעם פעלד, פונעם פאַרק, פונעם פלאַץ,
פון סאָוועטישן רום!

גיי אַריין אין מיין שטוב, טו אַ קוק, ווי כ׳בין שטאַרק,
ווי כ׳בין פעסט, ווי כ׳בין לייביק,
טו אַ קוק אף מיין שטוב, אף מיין לאַנד, וואָס איז מיינס
שוין אף אייביק
אומעטום, וואו איך קום, קאָן איך זאָגן מיט שטאָלץ: דאָס איז מיינס!

ווער בויערט די שטילקייט

ווער בויערט די שטילקייט? די וועגן ווער וועקט?
סע שלאָפּן די סאָפּקעס מיט שאלן באַדעקט,
מיט טונקעלע שאלן.
דער טייך איז צעהודעט, צערודערט און שרייט,
און כוואַליעס משוגענע יאָגן פאַרשייט
און פאַלן און פאַלן . . .

ווער בויערט די שטילקייט? ווער גייט עס? ווער קומט?
סע קוקן די טייגישע ביימער צעקרומט
פון וויסטע טייפונען.
אַ רויש, אַ געקלאַפּ און אַ הירזשען פון פערד,
און ס'טראָגן זיך האָמלער און וויניצער בערד,
די נאַכט איז צערונען . . .

ווער זיינען זיי? יעגער, צי זוכער פון גליק?
אין לופטן פאַרשניידט זיך אַ בריק נאָך אַ בריק,
אין בערגלעך פאַרגלידערט,
אַ בוים נאָך אַ בוים טוט אין ווינט זיך אַ בראָך,
און ס'וואַקסן אף אייביקן טייגישן מאָך
די אידישע לידער . . .

סע זינגען די זעגן, סע הוקען די העק,
מיר זיינען געקומען פאַרפלייצן דעם ברעג
מיט שטעט און וואָקזאַלן.
פון וויט קומט אַ טאָג אָן מיט שטויב און מיט רעש,
און ס'פליען פון פרייאיקע סאָפּקעס, ווי אַש,
די טונקעלע שאַלן.

די טייגע וואַרט

די טייגע וועקן מיר: שטיי אויף!
זי ליגט אין מזרח־שיין,
צו אונזער קול, צו אונזער רוף
די טייגע הערט זיך איין...

ווער טופעט דאָרט? ווער שפּאַנט עס דאָרט
דורך וועלדער פון סיביר?
ס׳איז אונזער טראָט, ס׳איז אונזער וואָרט:
ס׳איז מיר!
ס׳איז מיר!
ס׳איז מיר!

מיט ברייטן רייך, מיט הויכן רייך,
שטייט אויף די ערד פון קלעם,
שטייט אויף דער וואַלד, שטייט אויף דער טייך,
און אַלע בעטן: נעם...

ווער זינגט עס דאָרט? ווער יאָגט אַזוי
דורך וועלדער און דורך ווינט?
אַ לאַנגער צוג, פון שטויבן גרוי,
אַ פייף און ער פאַרשווינדט...

פון ווייטן קוקט מען אף די געסט,
מען קוקט פון אומעטום,
סע רופט די ערד, דער וואַלד די געסט,
און אַלע בעטן: קום!

דער מזרח׳דיקער הימל הענגט
און ציט זיך צו דער ערד,
נאָך שטייפע הענט האָט זיך פאַרבענקט
די רייכקייט אין די בערג!

די פרישקייט בלענדט, די פרישקייט גאַרט,
די לופט איז דאָ געשמאַק,
דער אַלטער צעדער שטייט און וואַרט
אַף אונזער שאַרפער האַק!

וואָס יאָגן טעג אַזוי פאַרשייט?
ווער הילכט עס אינעם טאָל?
די אויגן גלאַנצן אין דער ווייט
מיט אָפּגלאַנצן פון שטאָל . . .

ווער גייט עס דאָרט? ווער טופּעט דאָרט?
די ליד נאָר לאָזט אַ שפּור,
ס'איז אונזער טראָט און אונזער וואָרט
אַף ברעגן פון אַמור!

צום שטילן אָקעאַן

ס׳פּליט דער טאָג נאָך גיכער פונעם באַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן,
בערעזע־וועלדער טראָגן זיך אַפּסניי,
ס׳פּליט דער באַן אין שטויבן און אין מיי.
אָט לויפט אַ וואַלד, אַ כוטער און אַ שטאָט,
אָט שווימען ווידער פייגלען אויפן דראָט,
אָט ווינקט אַ פּלויט, אַ שטיבל, אַ קורגאַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן!

האָט זיך פאַר מיר מיין גרויסע היים צעשפּרייט,
די גרויסע היים האָט מיך אין וועג באַגלייט,
ס׳האָט יעדער וואַלד געראַושט, ס׳האָט יעדער טייך געפּליסט.
מיליאָנען אויגן האָבן מיך באַגריסט.
איך בין באַקאַנט אין וועג מיט יעדן ווינט,
מיט יעדן בוים, וואָס לויפט פאַרביי געשווינד.
דאָ איז מיר נאָענט יעדער בליק און יעדער שפּאַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן!

פון הינטן איז געבליבן דער בייקאַל,
אין מיינע אויגן בלאַנקט זיין לעצטער שטראַל,
כ׳האָב ליב די לופט, וואָס גיסט זיך אין מיין לונג,
און יעדן ווינטל פּרוּאוו איך מיט דער צונג.
מיין היים איז גרויס, וואָס פליט זיך אַזוי גיך,
ווען אַלץ איז מיינס און כ׳טראָג די היים אין זיך...
און ס׳איז אַזויפיל זעען נאָך פאַראַן,
טשיטאַ, אולאַן־אודע, בירעבידזשאַן,
מיר טראָגן זיך צום שטילן אָקעאַן...

אַ מ ו ר ז ע ט

ס'איז גוט אונטער לויטערע הימלען שפּאַצירן,
מיר גייען אינצווייען, אינדרייען, אין פירן . . .

סע ציען זיך זאַפטיג צעאַקערטע סטעפּן,
סע ליגן די בערג, ווי צעשניטענע עפּל . . .

מיר הערן דעם קרעכצן פון ברעטער די פרישע,
מיר שלינגען די לופט פונעם אידישן ישוב . . .

דאָ האָבן זיך פעלדער צעשפּרייט — אַמורזעטער,
איך מיש זיי, ווי גרויסע פּירקאַנטיקע בלעטער . . .

אַף ברעגן אַמורער,
אַף פעלדער צעבליטע.

מיר גייען אינפּירן:
אַ מיידל פון ליטע,

אַ מיידל פון מינסק און אַ מיידל פון סמילע,
פון טונקלען אַמור גייען ווינטעלעך קילע.

מיר גייען און גייען, מיר שמועסן, מיר פּלאַפּלען,
איך קוק אין די מיידלשע יונגע שוואַרצאַפּלען,

און זע, ווי די זון איז אין וואַסער פאַרגאַנגען,
סע שפּרייטן זיך שאָטנס צעצויגענע, לאַנגע.

סע שמעקט פון די בערגלעך מיט היץ און געוויטער,
אַט פאָרן אַהיים פון די פעלדער די שניטער,

אָט גייען די פרויען און טראָגן די זוימען,
און לעמפּלעך צינדן זיך אָן אין די רוימען . . .

אָט פּאָרט ער, דער יונג, אַף זיין אייזערנעם שליטן,
ער האָט היינט די ערדן ווי לעקעך געשניטן.

דער אָוונט אין דאָרף איז געזונט און לבנה׳יק,
סע שמעקן די הויפן מיט היי און מיט האָניק.

אַ הונט טוט אַ ביל אַף לבנה׳יקע בריטן,
צעטראָגט זיך דער ביל פון איין עק ביזן צווייטן.

און ס׳ענטפערט אַ הונט מיט אַ ביל מיט אַ דולן,
העט־העט פון מאַנדזשוריע דערטראָגט זיך דאָס בילן . . .

דאָ האָבן זיך שטיבלעך צעזייט — אַמורזעטער,
איך שלעפּ זיך אַרום איבער זיי און איך קלעטער . . .

און אומעטום זע איך דאָ אויגן צעבליטע,
מיר שפּאַנען אינפּירן: דאָס מיידל פון ליטע,

דאָס מיידל פון מינסק און דאָס מיידל פון סמילע,
פון טונקלען אַמור ווייען ווינטעלעך קילע.

מיר שפּאַנען אינפּירן, מיר זינגען אינפּירן,
ס׳איז גוט אונטער היימישע הימלען שפּאַצירן!

ביי די שייטערס

אַ געדעטעניש אַ גרויסע!
ליגט דאָס ווייץ ווי ווערסטן זונען,
איבער קלינגענדיקע דרויסנס
הירזשען פריילעכע טאבונען . . .

אי אין אָוונט, אי באַגינען,
ברענען שייטערס — אַ מחיה!
גייען אַלטיטשקע נגונים
אין געוועט מיט לידער נייע . . .

ס׳האָט אַ דערפל זיך באַהאַלטן
אין די בערג, אין וועלדער ווייטע,
אין אַן אָוונט אין א קאַלטן
ברענען ליכטיקער די שייטערס.

שטערן שײַנען, שייטערס שײַנען,
צווייגן רויכערן און קנאַקן,
און די שכנים מײַנע זײַנען
ביי־אַמורישע קאָזאַקן.

ברוינע אידן און קאַרייער
אַרום הויכע שייטערס זיצן,
און די ביימער רוישן זייער,
אין דער פינצטער פונקען בליצן.

ברוינע אידן און כינעזער —
אַלע ריידן, אַלע לאַכן,
בוצקען זיך די פולע גלעזער,
און מען טרינקט אף אַלע שפּראַכן!

און נאָך העכער, צו די שטערן
לויכטן שייטערס אויפגעשטראַלטע,
און די קלעזמער שפּילן שערן,
ווי אף חתונות אף אַלטע . . .

נו, אַ יום־טוב, אַ פֿאַרשייטער!
גיי באַשרייב אים, גיי באַשפּיל אים.
היי, ווער זינגט עס ביי די שייטערס?
אַ קאָלווירטישע פֿאַמיליע.

עמעץ טוט אַ זינג דאָס לידל:
— כ׳זיץ און שפּיל אף מיין גיטאַרע.
מאַכט אַ וואַרע: ס׳טאַנצן אידן
מיט קאָזאַקן! מאַכט אַ ווארע!

ניט גערוט און ניט געדרעמלט!
אַלע דרייען זיך און לאַכן,
עך, ווי גוט עס טאַנצט זיך דעמאָלט,
ווען מע טאַנצט אף אַלע שפּראַכן!

מאַרק שאַגאַל — און די קלעזמער שפּילן . . .

אינדערהיים

אַ ווינט און אַ ווייט, און אַ צווייג טוט אַ קרעכץ,
און וועגלעך און שטעגלעך אויף לינקס און אויף רעכטס.

די פור טוט אַ הייב זיך, די פור טוט אַ פאַל,
און אָט איז אַ בריקל און אָט איז אַ קוואַל . . .

פון אונטן איז פּאַשקאָוו, ס׳איז באַרגיק און גרין,
פאַרויס איז אַבלוטשע, מיר פאָרן אַהין!

מיר פאָרן און פאָרן, די טייגע איז טיף,
אין הויך שווימט דער רעגן אַרום אויף אַ שיף.

אָט שטייען בערעזעס, פון שטויבן פאַרגרויט,
פון זיי האָבן שטורעמס געשונדן די הויט.

אין טייגע איז טונקל, ס׳איז גראָם און ס׳איז ענג,
און אונטער די רעדער — צעשניטענע שלענג . . .

אָט גייען פּאַוואָליע, אָט פליען געשווינד
צע׳הרג׳עטעביימער פון דונערס און ווינט . . .

ס׳האָט דריי מאָל אַ רעגן געגאָסן, און איצט
האָט ווידער געדונערט און ווידער געבליצט . . .

אַ יאַסטער פליט דורך איבער אונזערע קעפּ,
און ס׳דאכט זיך, אין קאָטשקעס אַ וואָלף טוט אַ שוועב . . .

אין טייגע איז טונקל. אַ דונער. אַ שאָס.
אַ הילך טוט אַ פאַל און באַהאַלט זיך אין גראָז . . .

ס׳איז טייגע, ס׳איז רעגן, ס׳איז טאָג און ס׳איז וועג,
ס׳איז רואיק, כ׳בין רואיק — איך וויס, אַז איך מעג.

מיך שרעקט ניט די שטילקייט, די אוראַלטע רו,
און ס׳ווילט זיך מירריידן מיט אַלע אף דו . . .

און ס׳ווילט זיך מיר ריידן, ס׳איז קיינער ניטאָ,
אָט האָט זיך אין זומפּען פאַרשטעקט אַן אווטאָ . . .

און פריילעך איז שטעלן אַ שטאָטישן שפּאַן,
אף וועגן, וואו קיינער איז נאָך ניט געגאַן!

איך זע שוין די היימישע ציגל און ליים,
מיר זיינען אין טייגע ביי זיך אינדערהיים!

ביראָבידזשאַנער וויג־ליד

שלאָף, מיין קינד, פאַרמאַך די אויגן,
טונקלער ווערן בערג,
ס׳איז אַן אָדלער דורכגעפלויגן,
זיין זאָלסטו, ווי ער.

און, ווי ער, זאָלסטו זיך הויבן,
זיין מיט וואָלקנס גלייך,
דורך די אָוונטיקע שויבן
קוקט דער בירע־טייך . . .

ס׳פלעגט דיין זיידע טראָגן קייטן,
קייטן אין סיביר,
אָט דער קאַנט מיט זיינע ברייטן —
ער געהער שוין דיר . . .

ס׳פלעגט דיין טאַטע אף די וועגן
שלעפּן דעם געוויין,
אף אַמורער שיינע ברעגן
בויען מיר אַ היים.

פאַר דער היים וועל איך זיך שלאָגן
ביזן לעצטן בלוט.
ס׳געמט די גאַנצע ערד שוין טאָגן,
שלאָף, מיין קינד, באַרוט . . .

אף די בערג און אף די צווייגן
דורכזיכטיקע רו,
קינדער וואַקסן אין דער טייגע
גליקלעכע, ווי דו.

ביזן קרעמל גייען גריסן
וועגן דיר, מיין קינד,
זאָל דער כאַוועער סטאַלין וויסן,
אַז דו שלאָפסט אַצינד!

שלאָף מיין קינד, פאַרמאַך די אויגן,
טונקלער ווערן בערג,
ס׳איז אַן אָדלער דורכגעפלויגן,
זיין זאָלסטו, ווי ער.

בירָאָבידזשאַנער מאַרש

מיר בױען אַ הײם אױפן ראַנד פֿונם לאַנד,
אַף ברעגן אַמורער שטײט אױף אונזער קאַנט,
די טײגע טרעט אָפּ, װען זי הערט אונזער שפּאַן,
מיר שפּאַנען מיט פֿעלקער מיט אַלע באַנאַנד,
װען ס׳רױשן די לידער אין בירָאָ־בידזשאַן!

מיר װעקן די װעגן, מיר שנײדן דעם װאַלד.
אַף אונזערע ערדן איז קײנער ניט אַלט.
צעװאַקסן זיך דערפֿער אין פֿרײד און אין זעט,
מיט גאַסן, מיט פּלעצער צעשפּרײטן זיך שטעט . . .

איז העכער די לידער, איז העכער די העק!
די װילדקײט פֿון קאַנט פֿליט אַף אײביק אַװעק!
מיר שפּאַנען מיט פֿעלקער מיט אַלע באַנאַנד,
מיר האָבן אַ הײמלאַנד, אַ סטאַלינישן לאַנד.

און טאָמער װעט קומען די בײזע מינוט
און ס׳װעט זיך דער שונא פֿאַרבענקען נאָך בלוט,
װעט בליוכער אונז פֿירן געװינען די שלאַכט —
און קײנמאָל װעט אונז ניט פֿאַרהילן די נאַכט . . .

דער פּולװער איז טרוקן, דער װילן געפּרוּװט,
מאַטראָסן אַף טײכן, די פֿליער אין לופֿט,
די יונגען אַף טאַנקען, די מײדלעך אַף פֿערד
זאָל װײסן, זאָל זען, זאָל הערן די ערד.

מיר בױען אַ הײם אױפן ראַנד פֿונם לאַנד,
אַף ברעגן אַמורער שטײט אױף אונזער קאַנט,
די טײגע טרעט אָפּ, װען זי הערט אונזער שפּאַן,
װען ס׳רױשן די לידער אין בירָאָ־בידזשאַן!

אָף דער בירע

עך, איז דאָס אַ טייך, די בירע,
קוקט נאָר אָן די כוואַליעס אירע
ווי זיי שטיפּן ביי די ברעגן,
ניט קיין ברעגן, אַ פאַרמעגן!
מיט קיין וואָג ניט אָפּצואווועגן,
מיט קיין מאָס ניט אויסצומעסטן
אָט די כוואַליענדיקע נעסטן!

טוט אַ קוק מיט מיינע אויגן
אָף די ברעגן פון דער בירע,
ס'וואַקסט אַ דירה לעם אַ דירה,
און אָט שפּרייט זיך שוין אַ גאָרטן,
און אַ צווייטער און אַ דריטער,
און לעם סאָפּקע, אָט־אָ דאָרטן,
שיינט אַ טעפּיך אַ צעבליטער,
אָפן טעפּיך וואַקסט אַ ישוב.
קומט אַ מענטש אַ ניט־געניטער,
קאָן זיך דאַכטן, אַז ס'איז כּישוף!

עך, איז דאָס אַ טייך די בירע,
קוקט נאָר אָן די פישער אירע,
ווי זיי זיצן אויסגערוטע,
אין דער פריער זון געקוטעט,
און זיי קוקן אין די טיפן,
ווי די יונגע קאַרפּן שטיפן,
ווי עס פינקלען די סאַזאַנען
אין דער וואַסער טיף דער פרישער.
און זיי טראָגן זיך פון דאַנען,
פון די אומבאַקאַנטע פישער

מיט בערדיטשעווער שטיוואַלעס
און מיט העמדער אויסגעניייטע,
מיט אוקראַינער הויזן ברייטע,
מיט די ווייסע בערד, ווי חלות,
און מיט רויטע האָר, ווי פֿאַקלען;
ס׳פֿינקלען האָמלער קאַצאַווייקעס
און ליסטרינענע פּידזשאַקלעך.
שלוימעס, אַרקעס, ראָכלס, לייקעס —
מאָדנע נעמען, נייע נעמען
פֿאַלן אַף די וואַסער־שפּיגלען!

סאָפּקעס קוקן דורך די ברעמען,
ביימער פֿאָכען ווי מיט פֿליגל . . .

בליצן שטעכן, ווי מיט שפּיזלעך,
און עס דאַכט זיך, אַז זיי פֿרעגן,
צי ס׳איז נאָך דער וויטער מזרח,
צי ס׳איז גאָר די בוגער ברעגן.
עך, איז דאָס אַ טייך, די בירע!
קוקט נאָר אָן די פֿליטן אירע,
זעט נאָר ווי די שטראָמען פֿירן
מאָרגנדיקע ווענט און טירן!
איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרלירן
אירע ריחות און קאָלירן,
אירע גענג און חנ׳דלעך אירע . . .
עך, איז דאָס אַ טייך, די בירע!

לאָנדאָקער לאנדיש

האָסט עפּעס אַנדערש
מיך היינט געבלענדט.
לאָנדאָקער לאנדיש
אין דיינע הענט.

דער מילדער אָטעם,
דאָס בלאָנדע קול,
אין בערג צעשאָטן
איז לאָנדאָקאָ . . .

די ווינטן לויפן
מיט אַ געשריי,
אין אַלע הויפן
א לאנדיש־שניי . . .

ביז ווייטן ראנד איז
אַ שטערן־הויך,
ווי ס'איז אין לאנדיש
דער הימל אויך . . .

מיר גייעןביידע
מיט דריבנע טריט,
איך רוף דיך, איידע,
און קען דיך ניט.

דו קומסט אַהערצו
פון זייער ווייט,
דאָרט זיינען הערצער
פאַרשטעקט אין זייד . . .

און ווערטער זיסע,
מיט סם פאַרשפּינט,
סע שמעקט מיט תפיסה
פון יעדן ווינט . . .

האָסט איבער ימים
צעוויט די שרעק
און ווילסט פונדאַנען
שוין ניט אַוועק . . .

מיר שפּאַנען ביידע,
דער אָוונט רוט,
איך רוף דיך, איידע,
און קאָן דיך גוט . . .

אַזאַ מהלך,
און דו ביסט דאָ!
דו לויבסט דעם קאַלעך
פון לאָנדאָקאָ!

פון פרעמדן לאַנד איז
דיין האַרץ אַוועק,
דו שמעקסט מיט לאַנדיש,
ווי מיינע טעג . . .

מיר גייען ביידע,
מיר זיינען ווייט . . .
איך רוף דיך: איידע,
און ס׳לויפט די צייט . . .

דאָס האָסטו, ביראָבידזשאַן

דאָס האָסטו ביראָבידזשאַן,
זיך צעזונגען אַף די וועגן,
אומעטום, ביראָבידזשאַן,
גייט דיין שיינקייט מיר אַנטקעגן!

און צו דיר, ביראָבידזשאַן,
קומט די טייגע זיך פאַרנויגן,
און פון דיר, ביראָבידזשאַן,
קוקן איצט די ריינסטע אויגן.

איבער דיר, ביראָבידזשאַן,
לויכטן מזרח׳דיקע שטערן,
שיינע בערג, ביראָבידזשאַן,
שיינע וועלדער דיר געהערן!

דו פאַרטרייבסט, ביראָבידזשאַן,
פונעם קאַנט די ווילדע טויבן,
פון דיין טיף, ביראָבידזשאַן,
האָסטו העלדן אויפגעהויבן.

סטאַלין הערט, ביראָבידזשאַן,
דיינע טריט און דיינע לידער.
ס׳איז אונדז גוט, ביראָבידזשאַן,
וואָס אַ לאַנד באַשטייט פון ברידער!

ביראָקאנער מירמל

איבער מירמלנע ווילדע מאַסיוון
שפּאַן איך אַ שעה און אַ צווייטע.
איך שלעפּ מיינע שטויביקע שטיוול
איבער מירמלנע הרודעס צעזייטע . . .

אָט פינקלט דער מירמל דער גריינער,
ווי לאָנקעס, וואָס רופן פון ווייט דאָרט
מיט אָדערלעך העלע און דינע,
אָט ווינקט שוין דער שוואַרצער — צעשליידערט . . .

אָט ליגט מיט אַן אָפּגלאַנץ אַ צאַרטן
דער ראָזער מיט זוניקע שפּריצן,
ער ליגט אינעם גליווער פון וואַרטן:
דער סקולפּטאָר זאָל קומען און שניצן . . .

איך שפּאַן איבער מירמלנע שטיינער,
איך שפּאַן און איך מורמל אױף אידיש,
אַ קוואַל פון אַ בערגל, אַ ריינער,
בלייבט שטיין און צערוישט זיך פאַרחידושט . . .

אַמאָל האָט דער מירמל געוואונקען
צו מיר נאָר פון פּאַלאַצן פרעמדע,
ווי ער, האָב איך דעמאָלט געזונקען
אין פינצטערע בערג, אין פאַרקלעמטע.

ער האָט זיך אין דענקמאָלס באַהאַלטן
מיט גליווערניש שווערער און גרויער,
ער האָט אױף בית עולמ׳ס אױף קאַלטע
געהיט אונטערביימער דעם טרויער . . .

איך האָב אים אַמאָל אין מוזייען
געזען מיט אַלטקייט באהאָנגען,
נאָר ס׳פּלעג מיך זיין קאַלטקייט ניט פרייען,
זיין שיינקייט האָט מיך ניט געפאַנגען . . .

ער האָט ניט געצערטלט די אויגן,
מיין שוועסטערל האָט זיך געשראָקן,
ווען ס׳האָבן די מירמלנע מוידן
געקוקט פון די גבירישע שטאָקן . . .

איך שפּאַן איבער מירמלנע הרודעס
אף די ביראָקאנער מאָסיוון,
איך הער, ווי יאָרהונדערטער הודען
אף סאָפּקעס, אין טאָלן, אין ריוון.

איך שטיי און די צייטן איך בלעטער,
און ס׳דאַכט זיך — ווי אין אַ געוויטער
די טראָגן די גריכישע געטער,
די מירמלנע רוימישע ריטער . . .

זיי פליען פאַרביי מיינע אויגן,
ווי אַלטע פאַרוואָגלטע טרוימער,
די קנעכט מיט די פלייצעס געבויגן,
די גריכן די ווייטע און רוימער . . .

פון ווייטע מוזייען און היילן
זיי קומען אין שטויב און אין וואונדן,
זיי פליען פאַרביי און דערציילן
פון וועלטן, וואָס זיינען פארשוואונדן . . .

און כ׳זע שוין אף הרודעס אָט איצטער,
ווי העלדן ווי אונזערע שטייען,

פון מירמל פון שטרענגן געשניצטע
אין בירא־בידזשאַנער אַלייען . . .

דעם מאָסקווער מעטראָ, אַ באַצירטן
מיט ראָזעווע מירמל מיט קלאָרן,
און פּאַלאַצן אין די קאָלווירטן
שוין לויכטן אין שפּעטערע יאָרן . . .

מיך רופן דורך מאָרגנס דורך ריינע
די מירמלנע שטעט פונדערווייטן,
און כ׳לייען אף די מירמלנע שטיינער
דעם אָנקום פון פּרעכטיקע צייטן . . .

פאַרטאָג

כאַפּ איך זיך אויף
גלייך מיטן טוי,
איידער דער באַרג־רוקן
„שטשוטשי פאקטוי"
טוט זיך פון נאַכטישן
דרעמל אַ ווייז,
איידער די בירע
צערוישט זיך באַנייס,
איידער די זון
קומט מיט איר בלענד,
נעמט מיך אַ באַרג
צו זיך אַף די הענט,

נעמט מיך אַ באַרג
און טראָגט מיך אַרויף
אַהינצו, וואו סע וואוינען
די זון און די לופט.

הייב איך זיך אויף
צום באַרג פון די בערג
אַהין, וואו די וואָלקנס
איז וואוינען באַשערט.
טו איך אַ קוק,
ווי ווייט און ווי ברייט
האָט זיך מיין לאַנד
איבער מיילן צעשפּרייט . . .

ווייט אין די סאָפּקעס
טראָגט זיך אַ באַן,
אָט ליגן די פּלעצער
פון בירעבידזשאַן . . .
אַרום און אַרום,
ווי די שאָף אין די ראָד,
בערגלעך און בערג,
בערגלעך און בערג
באַרינגלען די שטאָט . . .
צעטראָגן זיך אַוטאָס
אַרום מיט אַ דראַנג,
און ס׳גייט זיך פון אונטן
די בירע איר גאַנג . . .

טו איך אַ קוק
אין דער ווייט און באַמערק,
אַז אַרום אָט די בערג
זיינען נאָכאַמאָל בערג.

אַ קרייז און אַ ראָד,
און אַ ראָד און אַ קרייז,
און אַרום אָט די בערג
גייען בערגלעך באַנייס.
איר האָט ניט געזען
אַזאַ ברייט, אַזאַ ווייט,
מיר דאַכט זיך, אַז רואיקער
גייט דאָ די צייט!
ס'איז טיכאָנקע שטיל,
אין אַ ווינקל פאַרוקט,
זי ליגט אין אַ ווינקל,
די אַלטע, און קוקט.

געווען איז דאָ מיסטיג,
געווען איז דאָ ענג,
סע פלעגן דאָ וואוינען
אין סאָפּקעס די שלענג . . .

ס'איז נאָכאַמאָל הויך,
ס'איז נאָכאַמאָל ברייט,
אָט ווערן די פּלעצער
מיט מענטשן פאַרזייט,
אָט הייבן זיך שטאָקן,
אַ הויז צו אַ הויז,
אַ גאַס צו אַ גאַס,
און די שטאָט איז שוין גרויס!
און זי זינגט און זי רוישט,
און זי שלאָגט ווי אַ קוואַל
פונעם אוראַלטן באַרג
ביזן נייעם וואָקזאַל . . .

ביראָבידזשאַנקעס

אומעטום, אַף אַלע וועגן
שפּאַנען מענטשן באַרג־אַרויף,
טוט אַ זינג די גאַנצע געגנט,
ווען די מזרח־זון גייט אויף.

וואָס־זשע ציטערן די ווייטן,
ווער־זשע זינגט די הויכע ליד,
מיידלעך שווימען, מיידלעך רייטן,
מיידלעך פאָרן פונעם שניט.

שוין אַנטלאָפן, שוין פאַרגעסן
אין די שטויבן, אי דאָס געסל,
אי דעם דלות, אי דאָס מיסט.
יעדער שפּאַן דאָ שיין און שלאַנק איז,
זייט געגריסט, ביראָבידזשאַנקעס,
זייט געגריסט !

וויפל קאָנען מיר נאָך אויפטאָן !

זינגען זינגט זיך, ווען ס'איז גוט,
הענגט דער הימל אינדערלופטן,
ווי אַ בלויער פּאַראַשוט . . .
מיידלעך פירן די מאַשינען,
מיידלעך טעסען דעם גראַניט,
מיידלעך זייען, מיידלעך שפּינען,
מיידלעך פליען, ווי מע פליט . . .

הייבט דער קאַנט זיך ווי אַף פליגל,
לייגט אַ ציגל צו אַ ציגל,
זינגען זאַנגען ניט אומזיסט
אַף די אַוטאָס, אַף די טאַנקעס:
— זייט געגריסט, ביראָבידזשאַנקעס,
זייט געגריסט.

פאַסטעכלעך

די ווינטן ווערן האַסטיקער,
דער טאָג האָט זיך צעברענט,
צעשיטן זיך די פאַסטעכלעך
מיט בייטשלעך אין די הענט . . .

די פאַסטעכלעך, די פאַסטעכלעך
מיט בייטשלעך אין די הענט.

אַ פייף, און ס'ווערן היימלעכער
די פעלדער און דאָס גראָז,
און ס'טוען די בהמה'לעך
מיט נאָזלעכער אַ בלאָז . . .

און ס'טוען די בהמה'לעך
אַ וואַלגער זיך אין גראָז.

דערקענען שוין די טשערעדעס
די פאַסטעלעס, דעם פייף,
און קיינער פרעגט ניט: ווער האָט עס
געמאַכט די פאַשע רייף . . .

און קיינער פרעגט ניט: ווער האָט עס
געמאַכט די הערנער שטייף.

אַזויפיל זון פאַראַנען שוין
אף יעדער פיצל ערד
אין טעג ביראָ־בידזשאַנישע,
וואָס וואַקסן אף די בערג . . .

אין טעג בירא־בידזשאַנישע,
וואָס וואַקסן אַף דער ערד.

די פעלדער, ווי די קאַרעטעס,
מיט גוטן, פרישן היי,
און ס׳טראָגן זיך, פאַרפאַרעטע,
די פאַסטעכלעך לעם זיי . . .

און ס׳טראָגן זיך פאַרפאַרעטע,
די פאַסטעכלעך לעם זיי . . .

זיי זיינען אין די זומער־טעג
פון שטעטעלעך אַוועק,
זיי פלעגן פאַשען אומעטיק
די שטעטלדיקע טעג.

איצט שווימען רואיק זומער־טעג,
ווי שיפן ביי דעם ברעג . . .

און מעג דער אָונט לויערן —
אין טשערעדעס מע שפאַנט . . .
מיט פלעקן לעם די אויערן,
מיט זאַטקייט אינעם גאַנג.

זיי זוכן אַף די טויערן,
מע וואַרט אַף זיי שוין לאַנג.

און אונטער יעדן דעכעלע
איז אָונטיק און שטיל,
נאָר ס׳פאַלט אין עמער בלעכענע
די קלינגענדיקע מילך . . .

און ס׳פאַלט אין עמער בלעכענע
די קלינגענדיקע מילך.

און ס׳טראָגט זיך אַ צעכראַסטעטער,
אַ פריילעכער געשריי:
— אַ דאַנק אייך, ברידער פאַסטעכער,
פאַר גראָזן און פאַר היי!

אַ דאַנק אייך, ברידער פאַסטעכער
פאַר גראָזן און פאַר היי!

ווען ס׳יאָגט זיך, ווי אַ גאַסט, אַהער —
דער אָוונט אינעם טאָל,
פאַרזאַמלען זיך די פאַסטעכער
און שפּילן אין פוטבאָל,

די פאַסטעכלעך, די פאַסטעכלעך
מיט היטעלעך פון וואָל.

די ווינטן ווערן האַסטיקער,
דער טאָג האָט לאַנג דערברענט,
אַ גרוס אייך, ליבע פאַסטעכער
מיט בייטשלעך אין די הענט!

אַ גרוס אייך, ליבע פאַסטעכער
מיט בייטשלעך אין די הענט!

ביראָבידזשאַנער פריילעכס

שפּילט אַ פריילעכס! שפּילט אַ פריילעכס!
אין דער ראָד אַריין געשווינד,
אַלע פּאַלעס און פּאַטשיילעס,
ווי די זעגלען אפן ווינט!
פידלען, פלייטן, קאָנטראַ־באַסן,
זאָלן טאַנצן אַלע גאַסן,
זאָלן דונערן טרומייטן,
און די גרינסן אַף די בייטן,
זאָלן זאַפטיק זיין און גוט,
פידלען, פלייטן, ניט גערוט!
ווי געשמאַקע הויכע זאַנגען,
שפּילט אַ פריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פאַרפלאַנצט,
אויב געזונגען איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זיין געטאַנצט!

איבער בערג און איבער וועגן
פאָרט אַ מונטערע די געגנט,
מיט דער שיף און מיטן באַן,
איבער הייכן פון כינגאַן,
איבער טייכן, איבער קרוטשעס
הילכן נעמען אַף דער וועלט.
פּאַשקאָוו, ראַדע און אָבלוטשע,
לאָנדאָקאָ און ביראָפעלד!

טאַנצן שניטער, טאַנצן זייער,
פּיאָנערן, רויט־אַרמייער,
טאַנצט אַ מיידל פון וואָלין,

מיט אַ בחור פֿון פּאָלטאַווע,
אַלע פעלדער זײַנען גרין,
אַלע וועלדער — קוטשעראַווע!
ראַהאַטשאָווער און אָדעסער!
זאָל די ראָד נאָך ווערן גרעסער!
ווען סע טאַנצן די טשערקאַסער,
הייבט אין בירע זיך די וואַסער,
ווען סע טאַנצן די וואָלינער,
ווערן אַלע סאַפּקעס גרינער,
קומען אומאַנער אַרײַן,
שווימט אין פלעשעלעך דער ווײַן!

אויב געהוליעט, איז געהוליעט,
קאָוונע, נעמיראָוו, קאַפּולע,
און אַ יונג פון אוקראַינע,
און אַ יונג פון פּאַלעסטינע
און אַ יונג פון אַרגענטינע,
שפּילט אַ פריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פאַרפּלאָנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זײַן געטאַנצט!

איבער בערג און איבער טאָלן,
וואו די מזרח־ווינטן מאָלן,
וואַרטן רייכקייטן צעזייט,
וואַרטן רייכקייטן פאַרגרייט
ביי די ברעגן פון אַמור,
אין דער וואַסער פון קולדור,
קוילן ווינקען פון קימקאַן,
מירמל זינגט אין ביראָקאַן,
און דאָס גאָלד אין בריקיטשאַנקע,

און דאָס פוטער אינעם וואַלד,
און די צעדערן די שלאַנקע,
און די ערד, וואָס ווערט ניט אַלט.

פֿאַלעס פּאַכן, קליידער פּאַכן,
העכער הייבן זיך די פּיס,
פּלאַצן וועט דער שוואַרצער שכן
אף די אינזלען, וואו ער איז!

אונזער זון אף אַלע וועגן,
אונזער רייכקייט אין די בערג,
אונזער יום־טוב, אונזער געגנט,
אונזער סטאַלינישע ערד!

שפּילט אַ פריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פאַרפּלאַנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זיין געטאַנצט!

אַ נס אין דער טײַגע

די בײמער פאַרשנײט און פאַרװײט און פאַרשאָטן,
די פרעסט, די צעפּאַקלטע, ברענען און בראָטן,
די װינטן, די האַסטיקע, דרײען און דרעשן,
זײ צינדן די שנײאיקע שׂרפות און לעשן.
אָט װײנען זײ ערגעץ אױף סאָסנעס, אױף שלאַנקע,
אָט סקריפּען זײ שװין, װי אַן אַלטע שאַרמאַנקע,
אָט יאָגן זײ איבער די קניאָקעס אין שנײען,
און שפּאַלט זיך דער אָװנט פון בלױע געשרײען.
אָט װערן די װינטן, װי װעלפעלעך מילדע,
מע קלעטערט אין סאָמעט פון װינטער פאַרהילטע,
אָט װאָיען זײ װידער צעדולט און משוגע,
אַ װיוגע אין טײַגע, אַ פינצטערע װיוגע,
אַ שרעקלעכע װיוגע פאַרשיט אַלע שטעגן . . .

װער גײט עס דער װיוגע, דער דולער אַנטקעגן?
צװײ שאָפּענע פעלצן מיט רימענס פאַרצױגן,
צװײ פוטערנע היטלען אַריבער די אױגן,
ס'קוקן אין הימל צװײ ביקסענע רערן
און זוכן אין װיוגע אַ פונק פון אַ שטערן . . .

װער קען דאָ אין טײַגע אַ שטערן געפינען
אין שװינדל פון װילדע, פון שנײאיקע רינען,
װאָס זשומען און פאַלן, און פאַלן, און פאַלן
אױף שטומע, אױף קרומע פאַרקאָװעטע קװאַלן,
אױף בײמער, װאָס שטײען צעשטעלט, װי סקעלעטן,
אױף טאָלן, װאָס ליגן װי אַלטע קאַרעטן . . .

װער זײנען די יונגען, װאָס שלינגען די קרירע
און טראָגן דער טײַגע אַ גרוס פון דער בירע?

דאָס שפּאַנען צוויי יעגער דער וויוגע אַנטקעגן,
און אַלץ, וואָס אַרום, איז איצט זייער פאַרמעגן:

די ערד די פאַרשנייטע, די הויך די ניט קלאָרע,
דער בוים אין דער טייגע, דער בער אין דער נאָרע,
די הייזער די נייע מיט ליכטיקע שויבן,
דאָס היינטיקע קאָרן, די מאָרגיקע טרויבן!

דאָס שפּאַנען צוויי יעגער צום ברעג פון דער בירע,
ס'איז מוישקע סאַלגאַניק און מאיר זאַדירע...

זיי זיינען פאַרטאָג נאָך אַהערצו געקומען,
אין ווינקל אין וויטן, אין שטילן, אין שטומען...

מיט לײדיקע הענט האָבן ביידע געקערט זיך
און שטיל האָט אַ האָפנונג געטליט אין די הערצער,
אַז ערגעץ אין פינצטערניש בלאָנקען נאָך בערן,
וואָס וועלן זיי ביידע נאָך איצטער געהערן!

און ס'בלאָנקען אַרום נאָכן טאָג דעם אומזיסטן
די נאַכט און די וויוגע און צוויי קאָמיוגיסטן...

קיין שטיבל, קיין פלעמל, קיין סטעזשקע אַפילו,
פאַר זיי ליגט די טייגע — אַ לאַנגע, אַ שטילע —
אַ בויגן אַ גרויסער מיט שורות געדיכטע,
אַ בויגן אַ נייער אין זייער געשיכטע.

דער אוצר

(פאָלקס מאָטיוו)

אין אַ שטעטל אױף פּאָדאָליע
האָט געװױנט אַמאָל אַ ייִד.
טעג זײַנען געגאַן פּאַװאָליע
מיט שטעטלדיקע טריט,
נאָר זײַן לעבן איז געלאָפן,
ביז מיר האָבן אים געטראָפן
אױף דער עלטער, קראַנק און מיד.

און אָט ליגט ער אױף זײַן בעטל,
אױסגעטריקנט איז זײַן הױט,
אַלע אײַנװױנער פון שטעטל
שטײען איצט הינטער זײַן פּלױט.
זײַן בן יחיד מיט די טעכטער
זיצן אַרום אים, װי װעכטער
און מע היט אים פונעם טױט.

נאָר מע זעט: די אױגן צאַנקען,
מע פאַרשטײט ניט, װאָס ער רעדט,
לעצטע כמאַריקע געדאַנקען
פאַלן אפן טױטן בעט . . .
ס׳װערט אין געסל טױב און שפּעטלעך,
װי געװײנלעך אין די שטעטלעך,
װען ס׳איז טונקל און ס׳איז שפּעט.

ס׳איז געװען אין יענע יאָרן,
װען אױף פעלדער פון ראַסײ
האָט געבליט דער שװאַרצער דאָרן,
איז געװאַקסן װינד און װײ,

ווינטן סקריפּען מיט די תּליות,
און דורך פענצטער פליען, פליען
קישנס, פעדערן, ווי שניי . . .

אף זיין בעטל ליגט דער חולה
אפן קווייטלדיקן ציץ,
איבער ביימער, איבער הוילע
טוט אַ בלענד אַ לעצטער בליץ.
האָט דער זייגער אויפגעקלונגען,
ווערן ליידיקער די לונגען,
ווערן אויגן פול מיט היץ . . .

אין די לעצטע זיינע רגע'ס
בלייבט ער מיט'ן זון אַליין:
— ווייסט מיין טייערער, מיין וועג איז
קלאָר. אומזיסט איז דיין געוויין.
שווערע צייטן פלעג איך האָבן,
היינט נאָך ווערסטו מיך באַגראָבן,
כ'פיל דעם טויט אין מיין געביין . . .

— נאָך מיין לעבן, פול מיט פּלאָגן,
קומט זיך די פאַרדינטע רו.
הער מיט קאָפּ, וואָס איך וועל זאָגן,
לייג דעם אויער דיינעם צו:
— ס'בלייבט אַן אוצר נאָך דיין אַלטן,
ס'האָבן זיידעס אים באַהאַלטן,
ליגט דער אוצר דאָרטן, וואו . . .

דאָ האָט ער פאַרמאַכט די אויגן,
און דערנאָך גייט אַלץ געשווינד,
ס'האָט דער זון זיך אָנגעבויגן
און צעווײנט זיך, ווי אַ קינד . . .

מ׳האָט אים אויפגעגנייט תכריכים
און באַהאַלטן זייער גיך אים
אַף אַן אָרט, ווי ער פאַרדינט.

טויטע ליגן אין די קברים,
לעבעדיקע דאַרפן ברויט,
און דער זון איז בלייך און אָרעם,
נאָר ער זוכט אין וויסטער נויט
יענעם סוד, וואָס איז באַהאַלטן,
יענעם סוד, וואָס האָט זיין אַלטן
זיך געחלומ׳ט פאַרן טויט.

לאַנג האָט ער געזוכט דעם אוצר
אין די טייכן, אינעם שוים,
אַלע ברונעמס געקאַלויצעט,
אויסגעוואָרצלט וואו אַ בוים,
אויסגענישטערט אַלע הויפן,
נאָר די פלינקע יאָרן לויפן,
און דער אוצר לעבט אין טרוים.

צו די טייכן קומען פלעגט ער,
פלעגן זיי פון אָרט אַוועק,
אַף די זומפיקע געלעגערס
פלעג ער בלאָנקען אָן אַן עק,
און די ברעגן פלעגן קוקן
אַף זיין הויקערדיקן רוקן,
אַף זיין פנים, פול מיט שרעק.

האָט ער זיך צום וואַלד געלאָזן,
איז פון וואַלד געוואָרן אַש,
ניט קייןביימער, ניט קיין גראָזן,
ניט קיין לייכטער צווייגן־רעש,

ס׳האָבן רויכן בלויז געוועבט זיך,
האָט ער פונעם וואַלד געשלעפּט זיך
מיט זיין אָפּגענאָרטן טאַש.

אַף די בערג איז ער געקראָכן,
האָט געבאָדן זיך אין קויט,
ס׳האָט דער רוקן אים געבראָכן,
בלוט פלעגט שפּריצן פון זיין הויט.
נאָר די בערג זיינען אַנטרונען,
ער האָט גאָר דאָרט ניט געפונען
און געבליבן מיט זיין נויט.

אָט אַזוי האָט ער געוואַנדערט
מיט די איינגעשפּאַרטע פיס,
ערגעץ איז אַ היים פאַראַן דאָרט,
שפּילט זיך דאָרט זיין קינד אין מיסט.
ער האָט לופט־שלעסער געבויט זיך,
די טרוימען וועגן אוצר
פלעגן מאַטערן אומזיסט . . .

האָט אים וועג אים ניט געשראָקן
ניט די היץ און ניט דער פראָסט,
ער האָט מיט זיין לאַנגן פלאָקן
איבער לענדער זיך געלאָזט.
פלעגן בריען אים די זונען,
פלעגן יאָגן די טייפונען,
פלעג אים טרייבן דער נאָרדאָסט.

לאַנג האָט ער געזוכט דעם אוצר
אין די טייכן, אינם שוים,
אין די ברונעמס געקאַלויצעט,
אויסגעוואָרצלט וואו אַ בוים.

אויסגעשניטערט אַלע הויפן,
נאָר די פלינקע יאָרן לויפן,
און דער אוצר לעבט אין טרוים.

ער האָט איבער ווייטע שליאַכן
מיט אַ טאָרבע זיך געשלעפּט,
קינדער פלעגן פון אים לאַכן,
און מיט בודיקעס באַקלעפּט
זיינע פּאָלעס די פאַרשייטע.
איבער היימען איבער ווייטע
אָן אַ היים האָט ער געלעבט.

איבער וויסטעס, איבער סטעפּן,
איבער מיילן פון דער וועלט
שווערע לאַסטן פלעג ער שלעפּן,
ווי די זעק מיט פרעמדן געלט.
דאָ אַ פּעדלער, דאָרט אַ טרעגער,
נאָר געפעלט האָט אַ געלעגער
און אַ מיטאָג האָט געפעלט . . .

פלעג ער דאַרפן, פלעג ער ווערן
דאָ אַ פלאָם און דאָרט אַ שטויב,
זיין אַ בער צווישן בערן,
צווישן טויבן זיין אַ טויב.
און די צייט איז אַלץ געגאַנגען,
און דער הימל איז געהאנגען
איבער וועגן ווייט און טויב.

ער האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן
וועגן אוצר, וועגן אַלץ,
צוגעוואוינט האָט ער זיך עסן
פּיסנע ברויט, באַשיט מיט זאַלץ.

נאָר פון וואַנדער און פון זונען
וואָלט מען איצטער נאָר געפונען
ברוינע פלעקן אויף זיין האַלדז.

אויסגעפּרואווט האָט ער אודאי,
וואו אַ ווינט און וואו אַ לופט,
האַמבורג, יאַפע, און קאַנאַדע,
וואו א וועג האָט ער געפּרואווט.
ווער סע וויל נאָר, נעמט און וואַרפט אים,
קיינער האָט דאָ ניט געדאַרפט אים,
פלוצלינג הערט ער, אַז מע רופט.

נו, אַ לעבן! נו, אַ דאָליע!
וואו האָט מען אזוינס געהערט?
ס׳האָט זיין שטעטל אויף פּאָדאָליע
אי אַ נאָמען, אי אַ ווערט.
ס׳קומען גריסן אָן פון דאָרטן:
ניט קיין שטעטל, נאָר אַ גאָרטן
אויף דער בליענדיקער ערד.

ערגעץ אין די ווייטע ערטער
ביים אַמור איז דאָ אַ קאַנט —
פעלדער, וועלדער, בערג און גערטנער,
גיי און נעם זיי מיט דער האַנט!
ס׳ליגט דער אוצר דאָרט פאַרבאָרגן,
איז ניט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן,
נאָר גענומען און געשפּאַנט.

ווייטער מזרח, טייגע, באַנען.
אויף די פעלדער רוישט דאָס ברויט,
אויף אַ באַרג איז ער געשטאַנען
און אַ שטוב פאַר זיך געבויט.

שטערן אױף די סאָפּקעס ברענען,
װער געדענקט שױן איצט דעם גיהנום
מיטן װאַנדער, מיט דער נױט?

גראָבט ער טיף מיט זײַן לאָפּאַטע,
ליגט אַ שאַרבן־בײן פאַרקלעמט.
פאַר די אױגן שטײט זײַן טאַטע,
און דער אוצר טוט אַ בלענד:
װאו דו זאָלסט דאָ ניט אַ שפּאַן טאָן,
גאָלד און זילבער און ברילִיאַנטן,
יעדער דימענט רופט און בלענדט . . .

סאָפּקעס טוליען זיך, װי שװעסטער,
װעלדער נעמען זײ אַרום,
פון אַמור און ביזן דניעסטער
זינגט דאָס לעבן אומעטום,
און אױף דרום און אױפן צפון
אַלע װעגן זײַנען אָפן
פאַר דײַן גאַנג און פאַר דײַן רום!

— ס'איז מײַן היימלאַנד איצט מײַן לעבן,
און דער אוצר איז מײַן קאַנט! —
האָט דער ייִד אַ ברום געגעבן
און פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט . . .
ס'האָט דער דרויסן שױן געטונקלט,
אַרום אים האָבן געפינקלט,
אַלע אוצרות פון פאַרבאַנד.

קוקט דער ייִד: װאו איז דער אוצר,
ס'איז דער באַרג איצט װי אַ באַרג,
און זײַן שטיבל שטײט און בױט זיך,
און די ערד איז װי אַ פּאַרק . . .

וואָס בריליאַנטן, ווען בריליאַנטן!
ס'קומט זיין זון פון ווייטע קאַנטן
און ער האַלדזט אים זייער שטאַרק.

אַזוי לאַנג זיך ניט באַגעגנט,
אַזוי לאַנג געווען צעשיידט.
נאָך פאַרביסענע געשלעגן,
אין אַ רויטאַרמייאיש קלייד,
שטייט ער איצט לעם אַלטן טאַטן.

אפן הימל, אפן גלאַטן
האָבן שטערן זיך צעשנייט.

הינטער זיי האָט זיך געצויגן
אין דער ווייט אַ לאַנגער וועג,
ווען האָבן געזען די אויגן
אַזאַ אוצר, אַ פאַרמעג.
ס'האָבן ביידע אים געפונען
אונטער מזרח'דיקע זונען
אף אַמורער אַלטן וועג.

און דורך אַלע ווייטן ווידער
טוען רייכקייטן אַ שווים:
בערג אוראַלער און טאַווּרידער,
זיי געהערן אַלע אים.
אַלע אוצרות זיינען זיינע,
דורך די סעדער לויכט אוקראַינע,
איבער פעלדזן הייבט זיך קרים . . .

יאָ, דער אוצר איז געפונען,
ער איז דאָ אף יעדער שפאַן,
פון קאַווקאַזער גוטע זונען,
ביזן שטילן אָקעאַן.

און די געגנטן, די קאַנטן,
און די ליכטיקע גיגאַנטן,
און אַלײן ביראָ־בידזשאַן . . .

אומעטום, װאו ס׳װאױנט זײן װילן,
האָט זײן אוצר זיך צעשיט,
אף די לאַנגע װערסטן שפּילן,
װי די פידלען, זײנע טריט . . .

איצט איז לױטער מײן געװיסן,
און איך קאָן שױן רואיק שליסן
װעגן אוצר אונדזער ליד.

אַ חתונה אין בירָאָבידזשאַן

וואָס האָט זיך עס צעשפּילט אַזוי, צערוישט ביראָ־בידזשאַן ?
דאָס איז מען אָפּ אַ חתונה אַ אידישער געגאַן !
נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען !

מיט פרייד האָט מען און ברייט האָט מען די חתונה געגרייט,
עס האָבן זיבן נייטערנס די פּאָוועלע גענייט,
עס האָבן זיבן וועבערנס די מאַנטעלעך געשטריקט . . .
עס האָבן זיבן קעכערנס די גענדזעלעך געפּליקט.

די מחותנים טראָגן זיך פון נאָענט און פון ווייט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רייט !
די מיידלעך אין קאָסינקעס און די זיידעס מיט די בערד,
זיי טראָגן זיך אָפּ אויטאָס און זיי פליען אָפּ די פערד,
חלילה ניט פאַרשפּעטיקן און קומען צו דער צייט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רייט !

— אידל, נעם דיין פידעלע, און בערל, נעם דיין באַס !
שטייט אידל מיטן קעלישאָק און בערל מיט דער פּאַס . . .
און אונזער לץ, דער מאַרשעלעק, שטייט אויך שוין אויבנאָן,
ער קייעט אַ צוקערקעלע שוין מיטן לעצטן צאָן.

צעזינגט זיך אונדזער מאַרשעלעק : „אוי, כלה, כלה, וויין,
און עסן זאָלסטו, כלה׳ניו, געפילטע פיש מיט כריין !
און האָבן זאָלסטו קינדערלעך, אַנטיקעלעך אַ סך,
זאָלסט זיין אַ גוטע מאַמע זיי, ס׳איז אויך אַ גרויסע זאַך !

אוי, וויפל גיסטו, כלה׳ניו, און וואָס פאַר אַ נדן, זאָג !"
„צוויי צעפּלעך ביז די סאַמע קני, אַ קוש אין אַ פאַרטאָג,

צוויי אויגן, ווי די קאַרשן גרויס און פּערלדיקע ציין,
און הענט צוויי ברוינע, גאָלדענע, אַ שמייכל מלא חן . . . "

„און וואָס האָסטו באַקומען, זאָג, פון טייערן חתן,
און וואָס האָט דיר געשענקט אַזוינס דיין מאָרגנדיקער מאַן?"
„קיין פינגערלעך, קיין אויערינגלעך, איין־איינציקן ברילִיאַנט:
אַ פריינט און אַ סטאַכאַנאָוועץ, דעם בעסטן אינעם קאַנט!"

איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרים, און זאָל דונערן די גאַס,
ניט אידל מיטן פידל און ניט בערל מיטן באַס:
דריי פּויקן און דריי פייפעלעך, אַ פּלייט און אַ באַיאַן, —
זיי האָבן עס אַ שפּיל געטאָן אויף גאַנץ בּיראָ־בּידזשאַן.

איז האָט מען עס אַ טאַנץ געטאָן, אַ גיי געטאָן אַ שער,
און מער פון אַלע דרייען זיך די שוויגער און דער שווער.
עס כוואַליען די פאַטשיילעס זיך, די פּאָלעס אינדערהויך,
די זיידעס מיט די אייניקלעך, די אוראייניקלעך אויך,
די יונגע שוועסטער־קינדער און די ברידער און די פריינט,
די שנורן און די איידעמס און . . . אַ שער האָט מען ניט פיינט!

און העכער הילכט די מוזיקע, און ברייטער ווערט די ראָד.
זי טראָגט זיך פון וואָקזאַל אַוועק אַהינצו ביזן סאָד,
אַהינצו, וואו דער בּיראָ־טייך פאַרשלענגלט זיך צום באַרג,
אַהינצו, וואו די טענענביימער טוליען זיך אין פּאַרק . . .

און ס'דרייען זיך די אַלטיטשקע מיט יונגע יאָרן רייך.
וואָס אַלטיטשקע, ווער אַלטיטשקע, מע דרייט זיך אַלע גלייך.
דער אַלטיטשקער סטאַכאַנאָוועץ, דער יונגער פּיאָנער,
זיי מאָנען ביי די קלעזמער נאָר: אַ שער זאָל זיין אַ שער!
מיט יום־טוב און מיט בליאונגען — די גערטנער פּאַרזייט,
איז האָט מען עס אַ טאַנץ געטאָן — די וועלט האָט זיך געדרייט:
אין טייכן און אין אָזערעס דער קאַרפּ און דער סאַזאַן,

אין וועלדער, אין גערדיכטעניש — די פיכטע און דער טאָן,
די הירשן און די בערן, ווי אַנגעלייגטע געסט,
דער וועוועריק אַפן צווייגל און דער פויגל אין זיין נעסט.

נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!

און ניט אַזוי דאָס דרייעניש און ניט אַזוי דער ווײַן,
ווי אָט די בערג די רונדיקע, באַגאָסענע מיט שײַן,
ווי אָט די סאָפּקעס אונדזערע, די טישן אַרום זיי,
ווי אָט די הויכע פלעשעלעך, וואָס שטייען שוין אין ריי
און בעטן זיך ביי אַלעמען אַ הייב טאָן שוין דעם כוס,
דער ווישניאַק און די ווײַנען זאָלן געבן זיך אַ גאָס!

און ניט אַזוי די פלעשעלעך און ניט אַזוי דער ווײַן,
ווי אָט די געסט די טײַערע, באַגאָסענע מיט שײַן.

פאַר זיי האָט מען די טישטעכער די ציכטיקע געשפרייט,
פאַר זיי האָט מען די קאַטשקעס און די אינדיקעס געגרייט,
דער טייך אַמור האָט יאַרגלאַנג די פיש פאַר זיי געוויגט,
די ערד אַליין האָט ברויט פאַר זיי און ווײַנטרויבן געשיקט!

געפעלט האָט דאָרטן גאָרנישט ניט, געווען איז דאָרטן אַלץ:
אַ צוועלף מינים קוגעלעך און לעבערלעך מיט שמאַלץ,
און האָניקדיקע לעקעכער און שטרודל מיט קישמיש,
און וואָס דאָס מויל האָט אויסגערעדט, געווען איז אַפן טיש!

נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!

— איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער כלה אַ וויוואַט,
קיין שדכן ניט, קיין בדחן ניט, און חתונה געהאַט!

און וואָס באַקומט דער חתן היינט און וויפל נדן, זאָג:
— צוויי צעפּלעך ביז די סאַמע קני, אַ קוש אין אַ פּאַרטאָג,
צוויי אויגן, ווי די קאַרשן גרויס און פּערלדיקע ציין,
און הענט צוויי ברוינע, גאָלדענע, אַ שמייכל מלא חן,
קיין רענדלעך ניט, קיין דימענטן — איין איינציקן בריליאַנט,
אַ פריינט און אַ סטאַכאַנאָווקע — די בעסטע אינעם קאַנט!

עס דרייען זיך און דרייען זיך אַ געסל מיט אַ גאַס,
אַ חתונה ז'אַ חתונה און ווין איז ניט קיין קוואַס!

די סאָפּקעס זיינען פול מיט גוטס, די ערדן זיינען רייך,
די געגנט איז אַ געגנט, און די ביראַ איז אַ טייך,
דער הימל איז אַ הימל היינט און ניט קיין באַרג פון בליי,
און אידן טאַנצן, זינגען היינט, ווי אָט די פויגלען פריי!

איי־איי, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען.

איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער באַס און דער באַיאַן,
זאָל טאַנצן די גערעטעניש אין גאַנץ ביראָ־בידזשאַן.
דאָס קאָרן זאָל אַ הייב טאָן זיך נאָך העכער פונעם באַרג,
דער ווינטרויב זאָל זיך אָנגיסן, דער ווין זאָל ווערן שטאַרק.

און זיין זאָל אַ גערעטעניש אויף שעפּסעלעך די וואָל,
און פול זאָל זיין מיט לאָשעקעס דער בליענדיקער טאָל,
די פיש אין אַלע וואַסערן זיך מערן אָן אַ צאָל,
די וועכטער ביי די גרענעצן נאָך שטאַרקער זיין פון שטאָל!

— „אוי, זונטיק בולבע, מאָנטיק בולבע, בולבע אָן אַ שיעור,
און אָרעמקייט, און נאַקעטקייט, און מיסט לעם יעדער טיר . . .“
ווער בולבעט עס? וואָס בולבעט עס? געבולבעט שוין גענוג,
אַ פולער הויף מיט אינדיקעס, מיט מילך איז פול דער קרוג.

אוי, זונטיק הון און מאָנטיק עוף און דינסטיק פרישע פיש,
און מיטוואָך עוף און פרייטיק הון און שבת — פול דער טיש!

איז דרעמלט ניט, קלעזמאָרימלעך, זאָל שפּילן דער באַיאַן,
דאָס פּייקל זאָל אַ פּייקל טאָן אָף גאַנץ בירא־בידזשאַן!
געדענקען זאָל די חתונה די קלעזמער און די פּאָר,
אַ־יעדער מחותנ׳עסטע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר!

און ווען די חתן־כלה וועלן ווערן אַלט און גרוי,
זאָל זאָגן אונזער זיידעניו דער באָבעניו אַזוי:
„נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!״

מאַרק שאַגאַל — אַ חתונה אין ביראָבידזשאַן

II

אַן אַלטער ניגון

אַן אַלטער ניגון גײט מיר נאָך פּוסטריט,
איך װײס ניט צי מ׳האָט אים אַמאָל געזונגען,
צי ס׳איז אַ שאָטן פון אַן אַלטער ליד,
װאָס האָט געפלאַמט אַמאָל בײ פלאַמענדיקע יונגען . . .

איך װײס ניט, צי דער ניגון האָט געשװעבט
אין אױפשטאַנדן פון קנעכט קעגן באַצװינגער,
עס זאָגט מיר נאָר מײן האַרץ: ער האָט געלעבט,
ער האָט געטראָגן זיך אַ פרײלעכער, אַ גרינגער . . .

ער האָט געטראָגן זיך פון מױל צו מױל
פון דור צו דור געפלױגן װי אױף פליגל
און װען דעם טאַטן האָט אַװעקגעלײגט אַ קױל,
האָט ער געװאַרט שױן בײ דעם זון׳ס פאַרװאָלקנט װיגל . . .

און אפשר האָט דער זון אױף שײטערס פון מאַדריד
אַמאָל נאָר, גאָר אַמאָל אַ ליד אַזאַ פאַרלאָרן,
דאָס פײער האָט פאַרברענט די װערטער פון דער ליד
דער ניגון האָט געװאַנדערט דורך די יאָרן.

און װי אַ שטומער יתום האָט ער שטיל
געהיט די קלאַנגען זײנע מיט אַ ציטער,
אַמאָל געגנעכטיקט לעם אַ דרעמלענדיקער מיל,
אַמאָל געטאָגט אױף ליפּן פון די שניטער . . .

ער האָט געבראַכט דעם טעם פון רײפע פרוכט,
ער האָט געבראַכט אַ גרוס פון אָפּגערױשטע ימים,
דעם װעג האָט ער צו אײביקײט געזוכט
און אַלע מאָל פלעג אים, דער רוח װײס װער, דעם װעג פאַרצאַמען...

אַן אַלטער ניגון גייט מיר נאָך פוסטריט
ער וואוינט ביי מיר שוין באַלד אַ גאַנצן זומער,
ער האָט קיין ווערטער ניט צו ווערן נאָכאַמאָל אַ ליד
ער שווימט צו טויערן פון אייביקייט אַ שטומער . . .

און ווען ער פליט אַמאָל פון מיר אַוועק
דערזע איך אים אף נאָדלען שטעכנדיקע הענגען.
כ׳הויב אויף מיין קאָפּ — די הענט צו אים איך שטרעק
און בעט אַ גרוס פון מיר מיין אוראייניקל ברענגען . . .

איך בין אַ גבר

ווייפּל טויטן בלאַנקען אום בא מיינע שוועלן
און יעדערן פון זיי בין איך, דער בידנער מענטש, געפעלן,
און יעדערער קוקט שטיל אריין צו מיר אין טיר
און שרייט: צו מיר! צו מיר! צו מיר!

איינער פּאַטשט מיט פליגל אין די שויבן
און וויל בא מיר מיין ביסל חיות רויבן,
דאָס ביסל חיות דורכשפּאַנען די גאַס,
אַ בייגל אויפעסן און אָפּלאָזן אַ שפּאַס . . .

אַ צווייטער ווינקט צו מיר פון קאַלטע ביקסן־רערן
און לאַכט פון מיינע קיילעכדיקע טרערן
און לויפט מיר נאָך און זוכט מיך שטילערהייט
אוועקנעמען בא מיר דאָס קאַפּל גרויע פרייד.

דאָס קאַפּל פרייד פון רייסן פרישע פלוימען,
פון קוקן אפן רויך, וואָס גייט פון קוימען,
פון קוקן אף אַ שטיין, וואָס גייט צו גרונט
פון הערן, ווי עס בילט אַ גוטער הונט.

דער דריטער ליאַרעמט מיט זיין אייזן, מיט זיין גרויען
און הערט ניט אויף צו דונערן און וואָיען
און וואו ער נעכטיקט באַר און וואו ער טאָגט
זוכט ער מיינע ביינער, מ׳שטיינס געזאָגט . . .

ער מיינט, אַז ס׳איז אַ טייערע מציאה!
און איך, דער נפש מיט דער שוואַכער ראיה,
האַלט אויס די שלאַכט מיט אַלע טויטן נאָכאַנאַנד
און בין אַ באַלעבאָס בא זיך אין לאַנד.

מיין גרעסטער שונא איז געווען די מרה־שחורה,
כ׳האָב זי באַזיגט, איז וואָס זשע האָב איך מורא?
דער טויט איז גאָרניט! שרעקלעך איז די שרעק,
וואָס כאַפּט אַ מענטש און מאַכט פון אים אַ שנעק.

איך גיי אַנטקעגן אַלע טויטן אָן אַ פּאַנצער
און אַלע טאָג באַטאַפּ איך זיך: איך בין אַ גאַנצער!
איך לעב און אָטעם, כ׳שעלט און בענטש,
איך בין אַ גבר, איך בין אַ בידנער מענטש!

די עלטער

ס׳איז די עלטער ניט געשמאַק!
זאָגן אַלע זקנים,
אַף די דעמבעס קומט די האַק
אין אַ טאָג אַ שיינעם,
ווען די דעמבעס ווערן אַלט,
פאַלן זיי אינמיטן וואַלד.

ווערט דער שטאָלצער אָדלער אַלט,
איז זיין שוואונג — אַ ליגן
און דער אַלטער לייב אין וואַלד,
זיצט און כאַפּט די פליגן,
שטאַרקע לייבן ווערן אַלט,
פאַלן זיי אינמיטן וואַלד.

— אַף דער עלטער איז ניט גוט!
זאָגט מען אַף דער עלטער,
קעלטער ווערט דאָס הייסע בלוט,
פויגלען ווערן עלטער,
פלינקע פויגלען ווערן אַלט,
פאַלן זיי אינמיטן וואַלד.

אַף דער עלטער ווערט מען אַלט,
קילער ווערט דער פלאַקער,
נאָר דער וויין, ווען ער איז אַלט,
איז ער נאָך געשמאַקער,
נאָר דער אַלטער וויין איז גוט,
זאָל ער וואַרעמען דאָס בלוט!

וועט מיין האַרץ ניט ווערן גרוי,
וועט מיין וואָרט ניט קילן,

וועט אין וועג דער קאַלטער טוי
מיין געזאנג ניט שטילן.
אויב כ׳וועל מוזן אַלט שוין זיין,
וויל איך אַלט זיין, ווי דער וויין!

ביז די עלטער האָט איר שטויב
אף מיין קאָפּ פֿאַרלאָרן,
טוט דעם אַלטן וויין אַ הויב
פֿאַר די יונגע יאָרן,
פֿאַרן אייביק־גרינעם וואַלד,
פֿאַרן מענטש, וואָס ווערט ניט אַלט!

מיין ליבער

כ׳האָב דיר אויסגענייט אַ האַנטוך
מיט אַ רויטן זוים,
האָט אַ רוף געטאָן דאָס לאַנד דיך,
ביסט אַוועק, מיין טרוים.

שטיי איך, קוק איך אַף די שליאַכן,
צי מיין ליבער גייט
נאָר די גרינעביימער לאַכן,
לאַכן שטילערהייט.

כ׳האָב דיר אויסגענייט אַ טיכל
מיט אַ רויטן האָן,
זאָגן אַלע, אַז איבגיכן
קומט מיין ליבער אָן.

שטיי איך קוק איך אַף די וועגן
צי מיין ליבער רייט,
טלאָען רױשן ווי אַ רעגן
נאָר ס׳איז זייער ווייט.

כ׳האָב אַ זעקל אויפגענייט דיר,
וואַרט עס אויך אַף דיר,
און אַ צימער צוגעגרייט דיר,
ווענטלעך פון שפּאַליר.

אַלץ איז גרייט פונדיינעטוועגן,
קום־זשע, קום געשווינד,
שטיי איך, וואַרט איך ביי די ברעגן
צי מיין ליבער שווימט.

כ׳האָב דעם הויף מיט זאַמד באַשאָטן
און דעם שטויב פאַרקערט,
זע איך ס׳פאַלט פון הויך אַ שאָטן
אויף מיין גרינער ערד.

פאַלט אַ שאָטן — גרויער גארעס,
שפרייט זיך אויפן צווייט,
קוקן אַלע אויף די כמאַרעס
וואו מיין ליבער פליט!

מארק שאַגאַל — מיין ליבער

אין אַן אַלטן וואַלד

דאָ איז די צייט אין יעדער שטאַנג פֿאַרקאַרבט,
דאָ איז די צייט אין יעדער שטאַם פֿאַרשניטן.
אַ בוים לעבט אָפּ זיין שטיקל וועלט און שטאַרבט,
נאָר ס'לעבט דער וואַלד, ער האָט זיך ניט געביטן!

אַ שטורעם קומט און שינדט פֿון בוים די הויט,
אַלייען גאַנצע בלייבן אָפּגעשונדן,
עס טוט אַ שמעק מיט אומקום און מיט טויט,
נאָר ס'קומט די צייט און היילט זיי אויס די וואונדן.

אַ פֿייער קומט און צינדט די גרינע וועלט,
ס'איז שווער דעם וואַלד פֿון פֿייער זיך פֿאַרהיטן,
ער ליידט פֿון פֿלאַם, פֿון פֿלאַמענדיקער קעלט,
נאָר ס'לעבט דער וואַלד, ער האָט זיך ניט געביטן . . .

עס טרעפֿט אַמאָל, ווען ס'קלינגען ווייטע העק
דאַן שטייט דער וואַלד אין רואיקייט פֿאַרטרויערט
און ווי אַ שטילע פֿאַרע גייט די שרעק
פֿון זיין צעטרוקנטן, צעבושעוועטן רויערד . . .

און ס'קומט די עלטער צו אַ בוים, איז קלאָר,
דאַן נעמט דער בוים מיט געלע בלעטער שיטן,
נאָר ס'שפּאַרט פֿון דר'ערד אַ יונגער גרינער דור
עס לעבט דער וואַלד, ער האָט זיך ניט געביטן.

ווי דאָס גראָז

ווי דאָס גראָז וועל איך וואַקסן אַף דר'ערד,
אַזוי פריש און פאַרשפּרייט,
ווי דאָס גראָז אַף דער פעלדיקער ברייט
וועל איך וואַקסן אַף דר'ערד,
אַזוי יונג און פאַרמערט
ווי דאָס גראָז וועל איך וואַקסן אַף דר'ערד!

ווי דאָס גראָז וויל איך שעפּן די זאַפט
פון דער ערדישער ברוסט,
צו די הייכן זיך ציען פאַרגאַפט,
מיט אַ קינדערשער לוסט . . .
פון דער ערדישער ברוסט,
ווי דאָס גראָז וויל איך טרינקען די זאַפט . . .

ווי דאָס גראָז אין אַ דאָרפישן סאַד
וויל איך זיין, וויל איך זיין,
ווי דאָס גראָז וואָס ברענגט פרישקייט אין שטאָט
און פאַר'שכור'ט ווי וויין,
ווי דאָס גראָז וויל איך זיין
אפן באַרג, אינעם מאַרק, אינעם סאַד . . .

ווי דאָס גראָז אין די טיפן פון ים
באַ די ברעגן פון טייך,
כ'מעג אויך וויסן פון וועלקן דעם טעם,
נאָר מיט פרילינג באַגלייך
אויפגיין מונטער און רייך
און זיך ציען צום זוניקן פלאַם.

איך וויל זיין ווי דאָס גראָז פון דער וועלט
און זאָל זיין מיר באַשערט
ניט דאָס גראָז פונעם הייליקן פעלד,
פון בית־עולמ׳ישער ערד,
וואָס וואַקסט פון די בערד
און וואָס ווערט
פון פאַרלאָשענע הערצער גענערט!

אַ ש ר י ן

אַ שטויב קומט צו פליען אַ ווייטער
צו מיר אפן פריינטלעכן שליאַך,
איך ווייס שוין, דאָס טראָגן זיך רייטער
מיט לידער אַ סך.

צו פנימער גרויע פון וועגן
איך קוק זיך מיט נייגער שוין צו,
און איינעם איך לאָז זיך אַנטקעגן,
מיר דאַכט, אַז ס'איז דו.

איך הער, ווי עס זינגען די ערדן,
און נעענטער ווערט דאָס געזאַנג,
דאָס גייען די דיכטער מיט שווערדן,
ס'איז הויך זייער גאַנג!

ער ווייסט ניט קיין פלאָנטער פון וועגן,
ער ווייסט ניט קיין שימל פון רו,
און איינעם איך לאָז זיך אַנטקעגן,
מיר דאַכט, אז ס'איז דו . . .

און אָפּט, אפן שליאַך, אין די סעדער
דערפיל איך דיין ברודערישע האַנט.
עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך זע דיך,
דו גייסט דאָ באַנאַנד.

איך וויל אונזער לעבן די ווערט זיין
מיט אַלץ, וואָס איך טרוים, וואָס איך טו.
און אויב ס'וועט דער טויט מיר באַשערט זיין,
איז פאַלן, ווי דו.

קינדהייט

בין איך נאָך אַ שנעקל,
רייט איך אַף אַ שטעקל,
אַף מיין פּראָסטן שטעקל רייט איך אויס אַ וועלט,
ס׳מעגן די בולאַנע
זיין מיין פערד מקנא,
אַזאַ פערד ווי מיינס קויפט מען ניט פאַר געלט!

זע נאָר, ווי עס לויפן
פאַניע פּענקינס הויפן,
שוין פאַרביי דעם קלויסטער מיטן גרינעם פּלויט,
אָט איז שוין דאָס געסל,
וואו מיין מומע פּעסל
גיט מיר אָפּט פּאָווידלע, אָנגעשמירט אַף ברויט.

מיט מיין פערדל פאָר איך
צו מיין פעטער זאָרעך,
זען דעם פעטער זאָרעך איז מיר אָפּט באַשערט,
ציפּעט ער זיין בערדל
און ער גלעט מיין פערדל:
— וויפל האָבער, תכשיט, עסט עס אויף דיין פערד?

קורצע הויזלעך טראָג איך
און אַ פערד פאַרמאָג איך,
עסט עס ניט קיין האָבער, קייעט ניט קיין היי,
נאָר ווען כ׳טו אַ וואָרף,
ווען איך הייס דעם פאָרן
פליט עס, ווי אַ מזיק, טראָגט זיך עס פאַר צוויי.

באָד איך עס אין ריטשקע,
קומען הינט אַ טיטשקע,

האָוקען אף די פערדלעך, נאָר אף מיינעם — ניט,
אויסגעבאָדן — ווייטער,
דאָס בין איך דער רייטער
— היידא! און מיט שטויבן ווערט דער וועג פאַרשיט.

אָן אַ זאָטל פליט עס,
אָן אַ צוימל ציט עס,
הירזשען האָט עס קיינמאָל, קיינער ניט געהערט . . .
ס׳קאָן גאַלאָפּ זיך טראָגן,
ווי אַ ווינט זיך יאָגן,
כ׳וואָלט עס ניט פאַרביטן אפן בעסטן פערד.

זאָל דער טאַטע לאַכן,
קוקן אף די שליאַכן,
איך וועל פאָרן ווייטער, ער וועט גיין צופוס,
שרייט ער: אָן קאַטאָוועס
מאַך אים כאָטש פּאָדקאָוועס
אָן פּאָדקאָוועס לויפט ער — איי איז דאָס א סוס!

פלי איך איצט מיט באַנען,
מיט עראָפּלאַנען
אינעם יאָג פאַרליר איך אָפּט מיין עלטער־לאַסט,
כ׳ווער צוריק אַ שנעקל
און איך נעם דאָס שטעקל,
כיינעוודיקע קינדהייט! כ׳פאָר צו דיר צו גאַסט!

דאָס בערעזענע געזינדל

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
באַ דעם שפּאָלער טייכל לעבעדין,
טוט די קינדהייט פאַר מיין אויג אַ שווינדל
און עס ציט מיך נאָכאַמאָל אַהין . . .

צום בערעזענעם געזינדל צו דעם שטילן,
וואו כ׳האָב אָפט ד׳י טעג מיינע פאַרבראַכט,
העט אַהינצו, ווייטער פון די מילן
שטייט זיך דאָס געזינדל טאָג און נאַכט . . .

טאָג און נאַכט באַזונדער און איניינעם
שטייען זיי, ווער יונג איז און ווער אַלט
און עס לערנען זיך באַ זיי די שכנים
ווי צו זיין באַזונדער און איניינעם
און מיט קנאה קוקט אף זיי דער וואַלד . . .

טאַטע, מאַמע שטייען איינס לעם צווייטן
און מע רוישט זיך צו פון גאָרניט טאָן,
אין א קאַפּעליוש אַ גרינעם און אַ ברייטן
שטייט דאָס עלטסטע זינדל אויבנאָן . . .

אין אַ גרינעם מאַנטל שטייט דער פעטער
די פלימעניקעס געפעלן אים ביז גאָר,
טרייסלט ער דעם קאָפּ מיט גרינע בלעטער,
מיינענדיק, אַז דאָס זיינען גאָר האָר . . .

און די קינדער איינער פונעם צווייטן קלענער
דינינקע בערעזקעלעך אַ סך.
ניט וויסנדיק, אַז מ׳איז ניט מער ווי שפּענער
זיי בויגן זיך, ווי טענצערינס צום שליאַך . . .

ווייסע פאַרטעכלעך צעווייען זיך, צעווייען,
ווייסע גאַרטעלעך פאַרגאַרטלען זיי ביז דר׳ערד
ס׳איז דער טאַטע הויך און גראָב פאַר צווייען,
טרייסלט ער מיט זיינע זיבן בערד . . .

פאַר קיין שטורעם האָט ער ניט קיין מורא
און זיין גרעסטער שונא איז די זעג,
פון זיין אומקום ווערט אַזאַ געוואוירע,
ווען ס׳באַווייזן זיך די העקער אפן וועג . . .

קוקט די מאַמע אף איר גוטס און פרייט זיך
ווי זיי זופן טוי און ניט קיין טיי,
ס׳וואָלט די מאַמע זיי געגלעט, פאַרשטייט זיך,
קאָן זי זיך ניט אָנבויגן צו זיי . . .

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
באַ דעם שפּאָלער טייכל לעבעדיק,
טוט מיין קינדהייט נאָכאַמאָל אַ שווינדל
און עס ציט מיך נאָכאַמאָל אַהין! . . .

די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס

דער גאַנצער הויף גײט כאַדאַראַם,
דער ווינט צעבלאָזט דאָס פּײַער,
דאָס בלוט אין אַלע אָדערן
יאָגט פרײלעכער און פרײַער . . .

די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס,
פון מאַלינעס, ווי סאַמעט,
איך שטײ לעם איר אַן אײַנגעדאַרטס,
אינגאַנצן אויסגעמאַטערט.

איך שטײ לעם איר אַן אײַנגעדאַרטס
נאָר אָדערן און בײנער,
די מאַמע פּרעגלט אײַנגעמאַכטס
און איך בין נאָך אַ קלײנער . . .

די שוועסטערלעך און ברידערלעך
באַלאַגערן די שיסל,
אין לאַטקעלעך די פלודערלעך
די קלײדעלעך — צעריסן . . .

אַזויפיל שײנקײט האָבן זײ
די מאַלינעס . . . אַ חיות!
די מאַמע נעמט אַראָפּ פון זײ
די גרינע שמאטעלײעס.

און יעדער פוכקע מאַלינע
מיט זאַמד־צוקער באַשיט זי
און נאָר אַראָפּגעפאַלענע
די קינדער אירע גיט זי . . .

מיר שטייען און באַלעקן זיך,
די אויגן ווערן ווייניק,
מיר ציטערן, מיר עקן זיך,
זיי פאַלן אַזוי ווייניק . . .

זיי פאַלן ניט, זיי פאַלן ניט
אָט וואַרט שוין די טרעניזשקע
מיר שמעקן נאָר די מאַלינעס,
די זאַפטן און די פרישקייט . . .

מיר קוקן ווי פאַרגאַפט אף זיי,
אַזעלכע און אַזוינע,
געדיכטער ווערט די זאַפט אין זיי,
די בעקלעך ווערן ברוינע . . .

מיר כראָמקען די פּיפּאַליקעס
מיט קנאָבל אַלטן שאַרפן
און ערגעץ שטייען מאַלינעס:
— לעוויי מען זאָל ניט דאַרפן!

מאַרק שאַגאַל — מיין מוטער

מיין מוטער

אָט איז דער פּיכטער קבר, אָט איז דאָס שטיקל ערד,
וואו ליגן איז מיין מוטער, מיין טייערער באַשערט.

מיר האָבן זי באַהאַלטן אין צוואַנציק צווייטן יאָר,
געווען איז זי אַ גוטע, אַ האַרציקע ביז גאָר.

געוואוינט האָט זי אין שפּאַלע, געבאָרן אין טשערקאַס,
איר טאַטן, — מאיר גערל געדענקט נאָך זייער גאַס!

זי איז שלאַנק געווען און מונטער און יונג איז זי געווען דאַן,
דאָס מיידל דאַבע גערל און פּעפּער לויטן מאַן.

דער דניעפּער האָט געקויקלט די כוואַליעס שוין פון לאַנג,
צו מאיר גערל'ס פענצטער פלעג גרייכן זיין געזאַנג.

און דאַבע איז געזעסן ביים פענצטער און געהערט,
ווי ס'קויקלען זיך די כוואַליעס און שפּרינגען אף דער ערד.

דערנאָך איז זי מיט מיידלעך צום גרויסן טייך געגאַן,
פלעג לייענען מאָנטע־קריסטאָ — דעם שפּאַנענדן ראָמאַן.

נאָר גיך האָט זיך מיין מוטער געזעגנט מיט טשערקאַס,
ס'האָט שפּאַלע זי באַגעגנט מיט הונגער און מיט האַס . . .

אַ שטיבל אף לעסנאַיאַ האָט שוין געוואַרט אף איר,
אַ טרוקענע אַקאַציע, אַ בלאַטע ביי דער טיר . . .

אין אומעט און אין דאגות האָט זיך די צייט געשלעפּט,
מיין מאַמע האָט אַ בלייכע אין שטעטעלע געלעבט.

זי האָט מיט זיך אַהערצו אַ טעבעצע געבראַכט,
זי האָט באַטאָג געאַרבעט און האָט געהוסט באַנאַכט.

די שטעטלדיקע יאָרן, זיי טראָגן זיך ניט גיך,
אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געהאַט אַ זון — ס׳הייסט מיך.

אַ קינד מיט קראַנקע לונגען, אַ שוואַכס, ווי זי אַליין;
מיט פּאָקן און מיט מאָזלען, א בחור: הויט און ביין.

געוויקלט און געוויגט מיך, געוואַשן מיך אין טוי
און וואָס געווען איז ווייטער געדענק איך ניט גענוי . . .

כ׳געדענק איר קאָפּ דעם יונגן, מיט אויגן גרויסע צוויי,
די פייכטקייט אין די אויגן, די בלאָווקייט אונטער זיי.

כ׳געדענק איר שוואַרצן קובלעק, די ציין, ווי ווייסער שניי,
זי שטייט לעם אונזער פענצטער און קוקט אפן שאָסיי.

זי קוקט ארויס אין געסל, צי גייט נאָך ניט אַהיים
דער בחור דער בן יחיד — דאָס מיינט מען מיך אַליין.

די קליינע פאַרטקע אָפּן — דאָס פענצטער איז פאַרמאַכט,
איר קאָפּ איז אין דער פאַרטקע, די אויגן — אין דער נאַכט.

אַזוי איז זי געשטאַנען צום סיטקעלע געווענדט,
ביז זי האָט פון ווייטן די טריט מיינע דערקענט . . .

קיין פאָרוואורף ניט, קיין מוסר, קיין איבעריקע רייד,
נאָר מוטערלעך באַשיידן די וועטשערע געגרייט.

איך האָב אף זיך געטראָגן שוין גאַנצע פערצן יאָר,
געהאַט האָב איך נאָך דעמאָלט געקרייזטע, לאַנגע האָר.

געהאַט אַ קליינעם שטערן, מיט קלייען אַן אַ שיער
און דאָך האָבן די מיידלעך שפּאַצירט אַמאָל מיט מיר.

און איבער יענע מיידלעך, צעווישן אונז גערעדט,
פֿלעגט וואַרטן ביי דער פֿאַרטקע מיין מאַמע אַזוי שפּעט.

מיידלעך האָב איך דעמאָלט באַזונדערס ליב געהאַט,
נאָר ווען עס איז קיין שפּאָלע געקומען מישוראַט,

האָט מיך זיין שוואַכע טרופּע פֿאַרכאַפּט און איבעראַשט,
דורך שמאָלינקע שפּאַרונעס האָב איך זיין קונסט גענאַשט.

איך האָב געזען בר כוכבא, געזען קאַלדוניע׳ס שטיק
און שטענדיק האָט באַלייט מיך מיין מאַמע׳ס צאַרטער בליק.

און ווען איך פֿלעג ניט קומען, זיך קערן פֿון שפּאַציר,
האָט זי שוין לעם דער פֿאַרטקע געוואַרט פֿון לאַנג אױף מיר . . .

און ווען ס׳האָט זיך באַוויזן דער ערשטער פּאַנצער־צוג
און אונז, די שפּאָלער אינגלעך, גערופֿן האָט קאַמיוג,

האָבן זיך בייזע מאַמעס אין וועג אַוועקגעשטעלט,
געשריגן האָבן מאַמעס: — וואָס לויפֿט איר אין דער וועלט?

— וואָס טראָגט עס אייך פֿונדאַנען? דער רוח ווייסט וואוהין,
פֿריקאַשטשיקעס דאַרף האָבן שוואַרצבוים מיט זיינע זין.

לעווענבערג דאַרף מעקלערס און קאַראַטשונסקי — קנעכט!
אַקטיאַבער־בליצן רויטע באַלויכטן אונז די נעכט . . .

געזאָגט האָט דאָבע פֿעפֿער איר זון, איר יונגן בחור:
— דיר גייט שוין אַן עין הרע דאָס זיבעצעטע יאָר.

אַ אינגל דאַרף זיין שפּריטנע, אַ אינגל דאַרף זיין דרייסט,
דו זאָלסט זיך גוט באַקלערן און טאָן, ווי דו פאַרשטייסט!

אַף מיטינגען, אַף סכאָדקעס, האָב איך די נעכט פאַרבראַכט,
און ס׳האָב מיך דאָבע פעפער באַלייט אין ערשטן שלאַכט...

מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיך צוגעדריקט,
און ס׳האָט אַ צוג אַ לאַנגער אַף וועגן מיך געוויגט...

און וואו כ׳בין ניט געוועזן דאָן: אין צוג צי אַף אַ שיף,
האָבן מיין האַרץ געוואַרעמט די מוטערלעכע בריוו...

מע זאָגט, אַז זי פלעגט אָפּט נאָך אַרויסקוקן צום שליאַך:
— מע דאַרף ניט וואַרטן, מאַמע, דאָס פענצטערל פאַרמאַך.

איך וועל שוין מער ניט שטיפן, ניט זיין אַזאַ מין שד,
איך וועל שויןָ מער ניט קומען, ניט קומען אַזוי שפּעט...

מע דאַרף אַף מיר ניט וואַרטן, דו וואַרטסט אומזיסט אַף מיר,
דיין זון איז איצט אין טורמע, אַ שלאָס הענגט אַף דער טיר.

איך וועל צו דיר ניט קומען, לוקיאַנאָווקע איז וויט,
און ס׳רוישט אונטער די גראַטעס די שווידערלעכע צייט...

דערהערט האָט דאָבע פעפער דעם טרויעריקן גרוס,
געזאָגט האָט זי צום טאַטן: „איך גיי אַהין צופוס".

די צוגן גייען לאַנגזאַם, קיין פליגל האָב איך ניט,
איך וועל אַהינצו גייען מיט זייער גיכע טריט.

איך בעט דיך זייער, שלום, זאָלסט ניט פאַרגעסן מיך,
זאָלסט נאָכקוקן נאָך חוה׳ן, נאָך דאשע׳ן און נאָך זיך.

אַ קלומעק אַף די פּלייצעס, אַ פּויערשער שאַל
און דאָבע פעפער טראָגט זיך צום שטעטלשן וואָקזאַל...

אַ נאַכט אין דורכגעלאָפן, אַ שווערע נאַכט אָן שלאָף
און אָט איז שוין סיגנייווקע און באַלד איז שוין צוויטקאָוו...

די קויטיקע טעפּלושקע איז פולער פון אַן אויג,
פון ערגעץ קנאַלן שאָסן און ערגעץ פויקט אַ פויק.

עס שלעפּט זיך די טעפּלושקע אין געלן בלעטער־פּאַל,
אָט איז אינגיכן פּאסטאָוו דער פריילעכער וואָקזאַל . . .

דעניקינצעס באַרינגלען דעם קויטיקן וואַגאָן.
— וואָס איז פאַר אַ זשידאָווקע? וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? —

אַ שליידער פון טעפּלושקע — און דאָבע פעפער פליט,
אַ שאָמפּאַל האָט איר פּלייצע די מאָגערע געבריט.

די זעכציק ווערסט ביז קיעוו האָט זי צופוס געשפּאַנט,
דער שטילער טרוים אין האַרצן, דעם קלומעק אין דער האַנט.

זאָל טריקענען מיין גומען, זאָל זיין מיין וועלט פאַרפּיינט,
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, מיין מוטער און מיין פריינט!

צי וועל איך דיך נאָך זען, מיין ליבער פריינט, אַמאָל,
כ׳געדענק די לעצטע שעה׳ן אין שטעטלשן שפּיטאָל.

דער טיפוס האָט אונז ביידע צו בעטלעך צוגעשמידט,
און ס׳האָט די היץ די גרויסע געברענט אונדז און געבריט.

דו ליגסט ווי אין אַ נעפּל, די הויט דיינע פאַרגעלט,
דורך דיינע פּערציק גראַד באַקוקסטו אונדזער וועלט.

האָסט קוים דערקענט דעם טאַטן, די שוועסטערלעך און מיך,
מיר קוקן אויף דיין פּנים — דער טויט קומט אַזוי גיך.

די שרעק ביי דיין צוקאָפּנס האָט זיך אָוועקגעשטעלט,
דו מורמלסט, אַז אַ שאָטן פאַרטרייבט דיך פון דער וועלט.

דו זאָגסט, מע וויל דיך סמ׳ען, נעמסטו ניט קיין שפּייז,
און אויף דיין קאָפּ דעם הייסן ליגט אַ פוכיר מיט אייז.

דו גלייבסט שוין איצט ניט קיינעם, דו ליגסט, ווי אין אַ רויך,
נאָר איך זאָל דיר דערלאַנגען אַ לעפל פרישע יויך . . .

ווי קאָן איך איצט דיר העלפן? כ׳ליג אויך מיט פערציק גראַד,
איך הייב זיך אויף פון בעטל און גיי, ווי אין אַ טשאַד.

דו טוסט אף מיר א קוק נאָר, איך שטעל זיך אף די קני,
איך זע דיין לעצטן שמייכל . . . אף מאָרגן אינדערפרי,

ווען איך בין אויפגעשטאַנען, ביסטו שוין ניט געווען,
דער קרעכצנדיקער זייגער האָט אָפּגעקלונגען: צען.

דיין בעט אַרויסגעטראָגן, דער צימער האָט גערוט
און אף דער וואַנט דער ווייסער אַ טראָפּן דיינער, בלוט . . .

אין צימער האָט געהערשט דאָן אַ שטילע טויטע רו,
איך האָב פון היץ געפרעגט נאָר: וואו איז די מאַמע? וואו?

— די מאַמע איז געזונט שוין! — האָט מען מיר געענטפערט צאַרט, —
זי זיצט שוין אפן גאַנעק, זי וואַרט אף דיר, זי וואַרט . . .

איך וועל פון בעט אַ שפּרונג טאָן, אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
און לויפן צו דער פאָרטקע, דאָרט שטעקט דער מאַמע׳ס קאָפּ.

זי וואַרט אף מיר, איך זע זי, זי קוקט נאָך אפן שליאַך . . .
מען דאַרף אף מיר ניט וואַרטן, דאָס פענצטערל פאַרמאַך!

עס קאָן דיר נאָך פאַרשאַטן, עס וואַרט אף דיר דיין בעט,
שטיי ניט לעם דער פאָרטקע און וואַרט ניט אַזוי שפּעט.

דו ביסט אַ גוטע מאַמע, אַ האַרציקע ביז גאָר!
— — — — — — — — — — — —
מיר האָבן זי באַהאַלטן אין צוואַנציג צווייטן יאָר.

III

לאָמיר הייבן דאָס קול

לאָמיר הייבן דאָס קול, זאָל עס הילכן פאַרשייט,
זאָל עס האַרט זיין ווי שטאָל, זאָל עס צאַרט זיין ווי זייד.
לאָמיר לויבן די צייט, לאָמיר לויבן די צייט,
אין דער הייך, אין דער טיף, אין דער ברייט, אין דער ווייט!
לאָמיר לויבן די שיין, וואָס האָט קלאָר אונז געשיינט,
לאָמיר לויבן דאָס האַרץ, וואָס האָט ליב און האָט פיינט!

אין דער פרי, און פאַרנאַכט, און בייטאָג, און ביינאַכט,
לאָמיר לויבן דעם מענטש, וואָס האָט גליק אונז געבראַכט,
לאָמיר לויבן דעם מענטש, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט
אונזער שיין, אונזער זיין, אונזער טאָג, אונזער נאַכט,
אונזער שטוב, אונזער גאַס, אונזער קינד, אונזער פרוי,
אונזער לאַנד, וואָס איז פריש, וואָס איז לויטער ווי טוי.

לאָמיר גיין אין גאַס, לאָמיר לויפן אין פעלד,
לאָמיר שלינגען די היץ, לאָמיר שלינגען די קעלט,
לאָמיר זינגען אַ לויב אונזער זיין אויף דער וועלט,
און דעם בלוט ווען עס ליבט, און די גאַל, ווען זי שעלט,
און דער ליפּ, ווען זי קושט עפּעס לייביקס און צאַרטס,
און דער האַנט, ווען זי צילט אינם פיינטלעכן האַרץ!

לאָמיר הייבן דאָס קול, זאָל עס הילכן פאַרשייט,
זאָל עס האַרט זיין ווי שטאָל, זאָל עס צאַרט זיין ווי זייד!

דאָס ליד פון ערד־אַרבעטער

פון די ערדן הייבט זיך קאָרן,
פון דיביימער פאַלן פרוכט.
יאָרן, יאָרן, גוטע יאָרן,
לאַנג האָט אייך דער איד געזוכט.

איז אַראָפּ דער רויטער שטערן
מיט זיין סטאַלינישער שיין,
האָט ער אָפּגעווישט די טרערן
און פאַרטריבן אונזער פּיין.

פרייע וועגן, קלאָרע וועגן,
אונזער גרויסע היים זענט איר,
אונזער גוטס האָט ניט קיין ברעגן,
אונזער גליק האָט ניט קיין שיעור.

נאָר די פרייערד קאָן געבוירן
בעסטן ווייץ און בעסטע פרוכט.
יאָרן, יאָרן, גוטע יאָרן,
לאַנג האָט אייך דער איד געזוכט!

וואָס פאַר ווי און וואָס פאַר זאָרגן,
קיינער ווײנט ניט ביי זיין פלויט,
אונזער היינט און אונזער מאָרגן,
אונזער זון און אונזער ברויט!

איבער דעכער פליען טויבן,
געננזלעך שווימען אפן טייך,
אונזער היים האָט אונז דערהויבן
און געמאַכט מיט אַלע גלייך.

אונזער מי איז פריי געוואָרן,
שמעקט מיט יום־טוב פון די פרוכט,
יאָרן, יאָרן, גוטע יאָרן,
לאַנג האָט אייך דער איד געזוכט!

אַ סאַמעטענער טאָג

אַ סאַמעטענער טאָג, אַ דורכזיכטיקע ווייט,
אַ הימל אין די ליכטיקסטע געוועבן,
עס דוכט זיך, אַז אין שיך פון זייד
גייט אום אָט דאָ אף דר'ערד דאָס לעבן.

די שעה'ן באָדן זיך אין מילך
פון שנייאיק שמייכלענדיקער געגנט,
קיין קלענסטן שאָרך, קיין מינדסטן הילך
אף ווייסע סאַמעטענע וועגן.

אַ ווייכע זון, אַ ווייכער שניי,
אַ וואַלד מיט שנייען אַ פאַרשפּינטער.
עס ווילט זיך אויסשרייען צו זיי:
— פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ ווינטער?

עס ווילט זיך אויסשרייען: א־הו . . .
צו כאַטעס, שטאַלן, מענטשן, מעזשעס,
ווער האָט עס אָט די ווייסע רו
מיט גרינע סאָסנעס פאַרמערעזשעט?

דער פוכקע וואַלד איז ווייט און שטום,
זיין שניי האָט קיינער ניט געשניטן,
ניטאָ קיין כאַטעס, און אַרום
נאָר איינזאַם פליט פון ווייט אַ שליטן.

ער איז שוין דאָ געווען אַמאָל
אין אָט דעם וועלדל, אָט דעם העלן,
מיט שטילע לאַנגע פאַסן שטאַל,
ווי צוגעשמידטע צו שינעלן . . .

און שטענדיק, ווען עס שמעקט מיט שלאַכט
אַף שטילע סאַמעטענע שנייען,
דערזעט מען ווי דער שליטן וואַרט
און וועקט די רואיקע אַלייען.

דער שליטן פליט און שניידט די ווייט,
אין סאַמעטענע טעג אַזוינע,
מיט סם אין האַרץ, אין שיך פון זייד
גייט אום ביי גרענעצן דער שונא . . .

אַ וואונדער־לופט, אַ וואונדער־וועג
מיט סאַמעטענע פוכיקע געשטאַלטן,
אפילו אין די סאַמעטענע טעג
ליגן דונערס ריזיקע באַהאַלטן!

צוויי ברעגן

צוויי ברעגן, צוויי בערג — און דער וועג איז צעשניטן,
מיר שווימען אין מיטן.

דורך סאָפּקעס, מיט פּייכטע טומאַנען באַהאנגען,
די שיף איז געגאַנגען.

פון לינקס, אונטער הימלען פאַרטייעט אין שנאה,
געשוואומען אין כינע.

אַ גרויע שאַלאַנדע, מיט זעגלען געלאַטעט,
ביים ברעג האָט געפּלאַטערט.

און ס׳האָבן די פישער פון ברעגן פון וויסטע
ווי שטומע באַגריסט אונז.

און ווייט זיינען דערפלעך געלעגן אין שטויבן,
מיט שטיבלעך אָן שויבן . . .

און רעכטס, אונטער זוניקע, לויטערע קלאָרן
איז מיין היימלאַנד געפאָרן.

צעשליידערט און יונג איז געגאַן מיט די ברעגן
די אידישע געגנט . . .

אין בערג און אין אוראַלטע וועלדער פאַרקוטעט —
ישובים און כוטערס . . .

און ווייט פון די דערפער, אין וועלדער אין ברייטע,
באַראַקן צעזייטע.

פֿאַרטאָג קומען מענטשן פֿון שטילע באַראַקן
די וועלדער צו האַקן . . .

אַ בוים טוט אַ פֿאַל, ווערט געבאָרן אַף ברעגן
אַ שטוב אין דער געגנט . . .

די ווינטן זיך זידלען, די נעפּלען זיך קרימען,
מיר שווימען און שווימען.

איין אויג קוקט אַף היימישע ברעגן, אַף גרינע,
דאָס צווייטע אַף כינע.

אַ מענטש האָט צוויי אויגן, צוויי הערצער האָט קיינער,
דער וועג איז אַ שיינער!

צוויי ברעגן, צוויי בערג — און דער וועג איז צעשניטן,
די שיף איז אין מיטן . . .

פרישקייט

כ׳ווייס, ניט אַלע שוועלן בין איך שוין אַריבער,
אין די אויגן מיינע לעבט דער זעלבער פיבער,
און דער זעלבער נייגער און די זעלבע וואונשן,
וואָס איך טראָג פון לאַנג שוין אונטער הויכער זון־שיין . . .
און די זעלבע פרישקייט וואוינט אין מיינע אויגן,
און דער זעלבער שמייכל האָט זיך אויסגעבויגן
לעם די ליפּן מיינע.

וואו איך בין געלאָפן,
פלעגן וועגן ליגן קעגן הימלען אָפן,
אפן הייסן דרום, אפן קאַלטן צפון
האָב איך שטענדיק הערצער וואַרעמע געטראָפן . . .
איך האָב ליב, ווי שטענדיק, איבער ערדן שפּאַנען,
וועלדער, טאַנען, סאָסנעס, דעמבעס און קאַשטאַנען
טראָגן זיך אַנטקעגן, נייגן זיך און בוקן,
און אין יעדער וועלדל ווילט זיך מיר פאַרקוקן,
איבער אַלע גראָזן ווילט זיך ווידער קוליען,
צו דער זון זיך הייבן, צו דער זון זיך טוליען.
טראָגן מיר אַנטקעגן טייכן זייער אָטעם,
און אין אַלע טייכן ווילט זיך מיר אַ באָד טאָן,
און מיט אַלע זייער וויל איך זייען זומען,
כ׳וויל מיט די פּילאָטן שווענקען זיך אין רוימען,
כ׳וויל אַף ווייטן צפון מיט די מענטשן פרירן,
און אין אַלע פּאַרקן ווילט זיך מיר שפּאַצירן!
כ׳האָב דעם זעלבן אומרו און די זעלבע וואונשן,
וואָס איך טראָג פון לאַנג שוין אונטער הויכער זון־שיין . . .

הייבט די העק

שווימט אַ וואָלקן, לויפט אַ וואָלקן,
אינדערהייך אַ רעגן הענגט,
הויכע, ברייטע שטייען ביימער,
און דער וואַלד נאָך העקער בענקט.

ווערט דער הימל גרוי און גרויער,
ליגט אַ וואָלקן ווי אַ פלעק,
— העקער, העקער,
הייבט די העק!

ס'איז דער וואַלד שוין הויך און ברייט,
ס'זיינען ביימער רייף און גרייט,
רוקט זיך, בייגט זיך שוין דער הימל
שטילער גרויער צו דער ערד,
און די ווינטן ווערן פייכטער,
און די קאָרע פייכטער ווערט . . .

ביז דער רעגן וועט נאָך קומען,
איז די העק אין הענט גענומען,
ביז דער וואָלקן וועט אַוועק,
— העקער, העקער,
הייבט די העק!

די זון איז אויפגעגאַנגען

די זון איז אויפגעגאַנגען!
די זון איז אויפגעגאַנגען!

דאָס טייכעלע דאָס טונקעלע
ווערט נאָכאַמאָל אַ זילבערנס,
די ביימעלעך די פינצטערע
צעגרינען זיך, צעבלעטערן,
די בלום הייבט אויף דאָס קעפעלע,
דער ווינט הייבט אויף דאָס פליגעלע
דאָס ליכטיקע, דאָס לויטערע,
און מענטשן פליען נאָכאַמאָל
מיט אויגן, מיט קרישטאָלענע . . .

די זון איז אויפגעגאַנגען!
די זון איז אויפגעגאַנגען!

דער גאָרטן וואַרפט אַראָפּ פון זיך
די ליילעכער די טונקעלע,
און גרין ווערן די אוגערקעס,
און רויט ווערן די רעטעכלעך,
און געל ווערן די זונרויזן,
און שוואַרץ איז נאָר די ערד.

די אויגן ביי מיין מיידעלע,
די צעפּלעך ביי מיין מיידעלע,
און מער איז גאָר ניט שוואַרץ!

די זון איז אויפגעגאַנגען!
די זון איז אויפגעגאַנגען!

די טייכן זיינען טייכן שוין,
און ניט קיין שוואַרצע סאַמעטן,
די וועלדער זיינען וועלדער שוין,
און ניט קיין בערג קיין מאַכיקע,
די הימלען זיינען הימלען שוין,
און ניט קיין גרויע טעפּיכער!

די זון איז אויפגעגאַנגען!
די זון איז אויפגעגאַנגען!

טייכן

יעדער טייך האָט זיין וועג און זיין גורל,
און מיט יאָרן מיט זיינע באַפאַרבט,
יעדער טייך ווערט אין ווייען געבוירן
און לעבט אַזוי לאַנג, ביז ער שטאַרבט.

יעדער טייך האָט זיך זיינע געזעצן,
זיין געשיכטע, זיין טבע, זיין גאַנג,
זיינע ברעגן און שיפלעך און נעצן,
זיינע פיש און זיין אייגן געזאַנג . . .

איינער לאַכט, ווען סע הייבט זיך זיין כוואַליע,
איינער טרייבט זיינע כוואַליעס מיט כעס,
איינער וויינט ערגעץ ווייט אין איטאַליע,
איינער זינגט אין די בערג פון קאַווקאַז . . .

איינער יאָגט דורך מאַנדזשורישע פוסטקעס,
איז מיט אומעט און אומגליקן רייך,
און ניט ווייט רוישט די אַלטע טונגוסקע,
דער סאָוועטישער, מונטערער טייך . . .

און איך הער דורך געליטערטע רוימען,
ווי סע זינגט דער טאָבאָל, דער אירטיש,
ווי די וואָלגע צעשמעטערט די צוימען
און טרייבט אַזש קיין מאָסקווע די פיש . . .

און דורך גרענעצן הער איך דעם האַרטן,
דעם צעכוואַליעטן ווייטן געוויין,
דאָס קלאָגן די כוואַליעס פון ירדן,
דאָס קלאָגט זיך דער זילבערנער רהיין . . .

און ס'פאַרנעמט אַלע קלאַנגען מיין אויער —
כ'האָב אין רויש פון די כוואַליעס דערהערט:
יעדער טייך האָט זיין פרייד און זיין טרויער,
ווי דער מענטש, ווי די צייט, ווי די ערד! . . .

אַ רעגן

דאָס פעלד האָט געבענקט נאָך אַ רעגן . . .
אין פעלד אוןביים וועג זיינען גריבער געלעגן צעוואָרפן,
וויליידיקע קריגן,
אין פעלד און ביים וועג האָבן געל זיך געהוידעט פאַרשטאַרבענע זאַנגען,
אין פעלד און ביים וועג האָבן טרוקענע ברויטן געשוויגן,
געשריגן האָט וואַלד, דער געשריי איז געהאנגען
איבער דאַרשטיקער געגנט!
— אַ רעגן!

האָט זון זיך דערשראָקן,
און זון איז אַנטלאָפן אויף העכסטע, אויף הימלשע שטאָקן . . .
פון פעלדער אַוועק איז דער גלי און די היץ . . .
אַ בליץ
האָט מיט מעסערלעך רויטע און שמאָלע
דעם הימל געשניטן,
איז אַ דונער אַוועק איבער טאָלן
און פלוצלינג געבליבן אינמיטן . . .

. . . און ס'האָט זיך באַוויזן. . .

ס'איז רעגן געפאַלן מיט פלינקע קרישטאָלענע שפּיזן,
געשמיסן,
געשטאָכן,
די זאַנגען געבראָכן . . .
זיינען ברויטן געלאָפן, ווי סטאַדעס פאַרלאָזטע, צעררייצטע,
וואָס האָבן דעם פּאַסטוך פאַרלאָרן.
געקלאָגט האָט דער האָבער, געיאָמערט דער ווייץ האָט,
געוויינט האָט דאָס קאָרן,

זיי האָבן געוויינט און זיי האָבן געפּלאַטערט:
— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר זיינען פאַרמאַטערט!
— גענוג שוין! גענוג שוין! פאַרמאַך דיינע קוואַלן!
— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר זיינען פאַרפאַלן!
נאָר ס׳האָט זיי, די טרוקענע ברויטן,
דער רעגן געיאָגט און געבויטערט . . .
געדרייט און געפּאַטשט און געשלאָגן,
און . . . סטאָפּ!

ביי דער זייט און אינמיטן די זאַנגען
זיינען פּאַסיקלעך וואַסער געגאַנגען
און רואיק דעם שטויב פון די זאַנגען צו טייכן געטראָגן . . .
אַ רעגן . . .
אַ וואָלקן אַ לעצטער אַוועק איז ווי רעגנס אַ דענקמאָל . . .
ס׳וועלן די זאַנגען דעם רעגן געדענקען . . .

אַ טאָג איז אַנטלאָפן . . .
און ס׳ליגן שוין ווידער די זאַנגען מיט דאָרשט און מיט שטויבן
פאַרלאָפן . . .
און סע בראָט זיי שוין ווידער די היץ, און ס׳פּרעסן צעגליטע מעסלעסן,
און ס׳האָבן די זאַנגען די שמיץ פונעם רעגן פאַרגעסן . . .

אין פעלד אוןביים וועג זיינען ווידער די גריבער צעוואָרפן,
ווי ליידיקע קריגן,
אין פעלד און ביים וועג האָבן ווידער געהוידעט זיך געלע
פאַרשטאַרבענע זאַנגען,
אין פעלד און ביים וועג האָבן ווידער די טרוקענע ברויטן געשריגן,
און גע׳רעש׳ט האָט דער וואַלד. דער געשריי איז געהאנגען
איבער דאָרשטיקער געגנט!
אַ רעגן!

שפּאַנען מיר דעם שליטן!

שיטן שנייען, שיטן,
שפּאַנען מיר דעם שליטן,
פערדלעך, ווי די רוחות,
טראָגן אונז און טראָגן —
הונדערטער זאַוועררוכעס
מעגן נאָך אונז יאָגן . . .

אויבן שווימען כמאַרעס,
אונטן ווינטן שמאַרצן,
פעלצן זיינען וואַרעם,
גרינג איז אפן האַרצן!

און די פעלדער לויפן . . .
שטעטלדיקע הויפן
ווערן קליין און קלענער,
ווערן ווייט און ווייטער,
און די שנייען ברענען,
ווי אַ ווייסער שייטער.

לויפט פאַרביי אַ כוטער
אין אַ שנייען־פוטער,
לויפט פאַרביי אַ צווייטער
אויכעט אַ פאַרשנייטער . . .

און לעם יעדן הייזל
וואַקסן ווייסע בלומען,
אין אַ וואַלד אַ ווייסן
זיינען מיר געקומען!

עפּענען זיך די טירן
אויף די וועלדער־וועגן —
רויטע קאָמאַנדירן
גייען אונז אַנטקעגן!

פרעגן אונז די העלדן
מיט אַ קול אַ ווייכן,
און די חברה מעלדן:
— נאָר אויף אויסגעצייכנט.

טוט אַ לאַך דער וויכער
מיט אַ קול אַ שווערן —
צו דער אַרבעט גיכער,
וואָס איז דאָ צו קלערן!

שטייט שוין לעם די ביכער
מישע, ווי ביי לייטן . . .
און אינדרויסן מאָטל
זיצט שוין אינעם זאָטל,
לערנט זיך שוין רייטן —
און דאָס צוימל בליאַסקעט . . .
דאָרע מעסט די מאַסקע.

ווינטן רוישן זייער,
און דעם שניי זיי כראָמקען,
און אַ רויטאַרמייער
שפּילט אין שאַך מיט סיאָמקען . . .

יאַנקל איז מקנא,
ס׳טוט אים שטאַרק פאַרדריסן,
וואָס די קליינע חנה
קאָן שוין בעסער שיסן!

קומט דער אָוונט אָנעט
מיט אַזאַ לבנה
סאַמע אינדערמיטן,
שפּאַנען מיר דעם שליטן.
פערדלעך ווי מיט פליגל!
שנייאיקע פּאַפּאַכעס
אף די כאַטעס ליגן.

און אף יעדן שליאַך איז
פריילעך און לבנה׳ק . . .
און עס שמעקט מיט האָניק . . .

זייט געזונט, חברים,
נעמט מיט זיך די בלומען,
זייט געזונט, חברים,
מירן ווידער קומען!

מארק שאגאל — שפּאַנען מיר דעם שליטן

לייקע

אויסגעפאַרבט די בריטשקע, פערדעלעך מזיקים,
היידאַ! איבער ברייטן שפרייט זיך מיין פאַרמעג.
און די וואוילע ווינטן ווינטשעווען: באַגליק אים,
גוטע גריסן שיק אים און אַ גוטן וועג.

היידאַ! און אַנטקעגן לויפן מיר די ווייצן,
און דער הימל נייגט זיך, בייגט זיך איבער מיר,
און באַקאַנטע וועגן קרייצן זיך און קרייצן,
און באַקאַנטע כמאַרעס בייטן דעם קאָליר.

שמעקט די הויך מיט רעגן, שמעקט די לופט מיט סטעלניק,
לויפן פון באַשטאַנעס גריסן אינעם טאָל,
און די זון די שטילע זיצט מיט מיר אין קעלניע,
אירע אַלע שפּיצלעך ווייס איך פון אַמאָל.

אָט איז זי פון אונטן, אָט איז זי פון אויבן,
אָט איז זי שוין ווידער מיט די כמאַרעס גלייך,
אין די ברייטע פעלדער הוידען זיך די שטויבן,
וויגן זיך די זאַנגען, ווי אַ גרויסער טייך.

אָט איז שוין דאָס דערפל, אָט איז שוין דאָס בריקל,
ס׳לויפן מיר אַנטקעגן קינדערלעך פאַרברוינט,
טוען זיך די געסלעך פריילעך אַ צעוויקל:
אָט איז שוין דאָס שטיבל, וואו מיין מיידל וואוינט.

כ׳פיר פאַר איר מתנות טאַקע ניט קיין פּראָסטע,
כ׳פיר איר נייע לידער וועגן ערשטן מאַי,
און אַ בריוו פון טאַטן, און אַ גרוס פון מאָסקווע
און אַ בינטל ביכער, ערשט פון דרוקעריי.

כ׳טו אַ קלאַפּ אין טירל. נאָר וואָס שוויגט מען? שטיי נאָר:
„לייקע! עפן גיכער! עפן! דאָס איז איך!״
שטיל איז אינעם שטיבל, ס׳עפנט מיר ניט קיינער,
נאָר דער געלער קאָטער מורקעט אין דער שיך . . .

און דער שוואַרצער ראַבטשיק, און דער בונטער ענדיק,
און דער יונגער לאָשעק מיט דער זעברע־פעל,
און די הויכע הענער, פינקלענדיק און בלענדיק,
לויפן נאָך די הינער, קרייען לעם דעם שוועל . . .

כ׳שטיי אין מיטן הויפל, וועמען זאָל איך פרעגן?
פאַר די אויגן מיינע שפּרייט זיך אויס דער סטעפּ,
שטיבלעך, ווי קוואַדראַטן, שטייען ביי די וועגן
מיט די רויטע היטלען אויף די גרויסע קעפּ . . .

שפּאַן איך צו די שטיבלעך, קלאַפּ איך אין די שויבן.
„אפשר קאָנט איר זאָגן, אפשר ווייסט דאָ ווער?״
דורך די פענצטער פליען ווערטער, ווי די טויבן:
„אַ גוט מאָרגן, יאָסקע? ווען קומסטו אַהער?״

וואו איז איצטער לייקע? נאָר ווער קאָן עס וויסן?
איינער זאָגט, אַז לייקע פאַליעט דעם בוריאַן,
לייקע איז געגאַן די בורעקעס באַגיסן,
לייקע האָט נאָך נעכטן איינגעשפּאַנט דעם שפּאַן . . .

איינער זאָגט, אַ צווייטער, און נאָך אים אַ דריטער,
און די ווערטער פליען, פליען אָן אַ סוף,
לייקע איז אין פעלד איצט ביי די אַלטע היטער,
לייקע וואַשט די קעלבלעך, לייקע שערט די שאָף . . .

לייקע! לייקע! לייקע! פליט פון אַלע זייטן,
איינער זאָגט — אין ראַדע, איינער — אין קאָלווירט,

און דער דריטער שמייכלט . . . וואָס זאָל עס באַטייטן,
האָט זי מיט אַ צווייטן אפשר געשפּאַצירט ? . .

פערדעלעך־מזיקים ! פליט צוריק פונדאַנען,
טראָגט מיך איבער פעלדער גלייך אַהיים צו מיר.
אפן האַרצן מיינס פּאַלן נאַכטיקע טומאַנען,
כ׳קום צוריק אין שטעטל, טו אַ קלאַפּ אין טיר . . .

נאָר וואָס זע איך ? ברידער ! לייקע לויפט אַנטקעגן !
איבער אַלע שוועלן טו איך זיך אַ טראָג.
פערדעלעך־מזיקים ! קוקט ניט אף די וועגן —
איר וועט איצטער מוזן וואַרטן ביז פאַרטאָג !

שימקע׳ס געוויין

קומט אַהיים דער קליינער שימקע
מיט אַ שרעקלעכן געוויין:
„מאַמע, מאַמע, קום אינדרויסן,
מאַמע, מאַמע, לאָמיר גיין!

ס׳זיינען פערד אַהער געקומען,
אינעם טייך איז דער טאַבון,
און זיי טרינקען אויס דאָס וואַסער,
און זיי עסן אויף די זון.

פונם קאַלטן טייך א כליאַפּטשע,
פון דער הייסער זון אַ ביס,
און דעם גאַנצן טייך זיי פּליוסקען
און זיי טאַפּטשען מיט די פיס.

ס׳איז די זון ארומגעביסן,
מאַמע, מאַמע, לאָמיר גיין!”
ווישט די מאַמע אים די טרערן:
„שימקע טייערער, ניט וויין!

זינט עס שטייט די וועלט, די גרויסע
טרינקט פון טייכן דער טאַבון,
און קיין פערד קאָן ניט דערלאַנגען,
ניט דערלאַנגען צו דער זון!”

ווען די נאַכט האָט זיך באַוויזן
און געפאַלן אף דער ערד,
האָבן פריילעכער געהירזשעט
אינעם טייך די שוואַרצע פערד . . .

קומט אַהיים דער קליינער שימקע
מיט אַ גרעסערן געוויין:
„מאַמע, מאַמע, קום אינדרויסן,
מאַמע, מאַמע, לאָמיר גיין!

מ'האָט די זון שוין אויפגעגעסן
און מע זעט זי שוין ניט מער,
און די פערד, מיט גרויסע פּיסקעס
גייען נאָכאַמאָל אַהער . . .

זע: זיי עסן די לבנה
מיט די כוואַליעלעך באַגלייך,
און זיי שלינגען אַלע שטערן,
אַלע שטערן פונעם טייך!"

„וויין ניט, שימקע, — זאָגט די מאַמע, —
זינט עס ווייסט די וועלט פון שיין,
שלינגען פערד די קלאָרע שטערן
און זיי שלינגען זיי ניט איין!

ס'איז דער טייך פאַרפלייצט מיט נעפּל,
ס'איז דער טייך באַדעקט מיט רויך,
אויב דאָס אויג דיינס בענקט נאָך שטערן,
זאָלסטו קוקן אין דער הויך!"

לאָמיר לאַכן

טרויער?
פאַסט ניט אונזער פּנים!
אומעט?
עקבערט און פאַרפּיינט!
טרערן?
זאָלן וויינען שונאים —
לאָמיר לאַכן, מיינע פריינט!

ווען האָט מען עס אַף רואינעןן
נייע וועלטן אויפגעשטעלט?
יאָ! מיר קאָנען זיך פאַרגינען
אַזאַ לאַך טאָן אַף דער וועלט,

אַזאַ הילך טאָן אַף די שליאַכן,
ווי מ׳האָט קיינמאָל ניט געלאַכט.
לאָמיר לאַכן!
לאָמיר לאַכן!
דער געלעכטער העלפט אין שלאַכט.

יעדער סקריפּ פון גרויסן וואָגן,
יעדער קריפּל, יעדער קרום,
ווי מיט בייטשן זאָל היינט שלאָגן
דער געלעכטער אומעטום!

אין די בלוטן פון געראַנגל,
אין די זוניקייט פון מי,
וואו די קויל קאָן ניט דערלאַנגען,
דער געלעכטער טוט אַ ברי!

וואָס פאַר גרויקייט אַף געזיכטער?
גרויקייט? —
איז ניט אונזער פאַרב!
אַף די פּלעצער פון געשיכטע
גייט ארום דער רויטער האַרבסט!

צווייפל? —
איז אונז פרעמד פון וויגל!
וועלקן? —
איז ניט אונזער וואָרט.
אויסגעכאָוועטע אַף זיגן,
לאַכן מיר שוין לאַנגע יאָר!

קוקט,
ווי אַלטע וועלטן קראַכן,
ווי עס גייט אַף זיי די נאַכט!
לאָמיר לאַכן! לאָמיר לאַכן!
דער געלעכטער העלפט אין שלאַכט!

אונזער לאָשעק

„לייזער! . . . — זאָגט דער טאַטע, —
פיר דעם לאָשעק פויען,
גיב דעם לאָשעק וואַסער,
קלאָרער פון די טויען!"

„גוט! — זאָג איך צום טאַטן, —
כ'פיר דעם לאָשעק פויען,
כ'וועל אים געבן וואַסער
פונעם טייך דעם בלויען."

„לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
גיב דעם לאָשעק פיקן,
זאָלסט אים געבן האָבער,
נאָר פון די אַנטיקן!"

„גוט, — זאָג איך צום טאַטן, —
כ'וועל אים געבן קלייען,
כ'וועל אים געבן האָבער,
ער וועט מירטשעם קייען!"

„לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
וואַש אַרום דעם לאָשעק,
זע נאָר, ווי זיין פעל איז
קויטיק, פאַרפּאָראָשעט . . . "

„גוט! — זאָג איך צום טאַטן, —
כ'וועל צום קוואַל אים פירן,
און זיין ווייסע פעל וועט
שנייאיק שעמערירן."

„לייזער! — זאָגט דער טאַטע, —
וואו איז די פּאָפּאָנע?
כ'וויל דעם לאָשעק שיקן
קלימען אַ מתּנה.‟

„גוט! — זאָג איך צום טאַטן, —
עפן אַלע טירן!
כ'וועל אַליין דעם לאָשעק
אין אַרמיי שוין פירן!‟

ריווע טווער

כ׳קען אַ מיידל, ס׳איז אַ מיידל מיט אַ נאָמען ריווע טווער,
ס׳איז אַ פּשוט אידיש מיידל, ניט קיין מיידל, נאָר אַ שד.
אויגן — פלוימען,
צעפּ — קאַשטאַן,
מיט אַ טענצל
אינעם שפּאַן.

ווען זי טוט דעם בוים אַ טרייסל, פאַלן עפּל, ווי אַ שניי.
אירע עפּל ווייסן אַלע, ס׳איז אוקריינע פול מיט זיי:
גאָלע זאַפּטן,
בעקלעך — רויט,
מיט אַ זון־שיין,
אף דער הויט . . .

ווען זי טוט דעם בוים אַ טרייסל, פאַלן פלוימען אינעם קויש,
און די פלוימען־ביימער רוישן מיט אַ יום־טובדיקן רויש, —
פלוימען־סאַמעט,
לופּטיק־זיס
פאַלן פלינק
צו ריוועס פיס.

ווילט זיך ריווען גאָלד פון פערשקעס זאָל אַ פינקל טאָן אין סאָד,
טוען פערשקעס, ווי די עפּל, פון די ביימער זיך אַ שאָט.
פאַלן פערשקעס
גאַנצע בערג,
ווי די רענדלעך
אף דער ערד.
ווילט זיך ריווען, אַז אין דערפל זאָל אַ גוטער ווינשטאָק זיין,
אַז די וויינטרויבן, ווי פלוימען, זאָלן רייפן אף דער שיין,
וועלן וויינטרויבן

שוין זיין,
און פון וויינטרויבן
ווערט ווין.

הייבן אינגלעך אויף די כוסות, און מע טרינקט פאַר ריווע טוועד
רויטן ווין פון אירע טרויבן, וואָס איז זיסער נאָך פון מעד.
באָדט די זון זיך
אינעם גראָז,
שווימען שטראַלן
אינעם כוס.

קומען געסט איר מי פאַרזוכן און באַקענען זיך מיט איר,
און איר מאַמע פייגע־לאה עפנט אויף פאַר זיי די טיר:
„גוטע מענטשן,
קומט אַריין!
ס׳וועט מיין ריווע
גיך שוין זיין!"

אף דער וואַנט אין ריווע׳ס צימער הענגט מיטשורינ׳ס בילד
פאַרבענקט —
ס׳האָט דער זיידעניו מיטשורין נאָך אַמאָל עס איר געשענקט. —
ס׳קוקט מיטשורין
פון דער וואַנט
מיט אַן עפּל
אין דער האַנט.

שווימען שאָטנס — איז אַ סימן, אַז אינדרויסן איז שוין שפּעט,
הילכט אַ לידל — איז אַ סימן, אַז עס גייט שוין ריווע טוועד.
אויגן — פלוימען,
צעפּ — קאַשטאַן,
מיט אַ טענצל
אינעם שפּאַן.

גוטע צייטן

כ׳פרעג דעם פרילינג, זאָל ער זאָגן,
וואָס ער לויפט אַזוי געשווינד,
שטראָמען טראָגן זיך און טראָגן,
פליט דער פרילינג מיטן ווינט,
ס׳וויל דער זומער אים דעריאָגן!
— וואַרט אַ ווײַלע, ניט אַצינד!

נאָר דער זומער וויל ניט וואַרטן,
ס׳איז די זון שוין הייס און גרויס,
אין אַ גרינעם זומער־גאָרטל
פליט די רונדע ערד פאָראויס . . .

כ׳פרעג דעם זומער, זאָל ער זאָגן,
וואָס ער לויפט אַזוי געשווינד,
האָט געדעגנט, האָט געהאָגלט,
און ווי גיך דער יול פאַרשווינדט,
ס׳וויל דער האַרבסט אים שוין דעריאָגן!
— וואַרט אַ ווײַלע, ניט אַצינד!

נאָר דער האַרבסט, ער וויל ניט הערן,
די פאַרנאַכטן ווערן קאַלט,
הענגען שוין סענטיאַבער־שטערן
אויפן וועלקנדיקן וואַלד . . .

כ׳פרעג דעם האַרבסט און זאָל ער זאָגן,
וואָס ער לויפט אַזוי געשווינד,
פון די האַרבסטיקע פאַרטאָגן
ווייט מיט ווינטערדיקן ווינט,
ס׳וויל דער ווינטער זיי דעריאָגן!
— וואַרט אַ ווײַלע, ניט אַצינד!

נאָר דער ווינטער וואַרט ניט, פליט ער
אויף די דולע פערד פון שניי,
אַ משוגענער געוויטער
טוט אין רוימען אַ געשריי . . .

כ'פרעג דעם ווינטער, זאָל ער זאָגן,
וואָס ער לויפט אַזוי געשווינד,
נאָכן שליטן פאָרט אַ וואָגן,
און דער פראָסט, ער ברענט און שינדט,
ס'וויל דער פרילינג אים דעריאָגן!
— וואַרט אַ ווײַלע, ניט אַצינד . . .

נו, צו וואָס די פלינקע בײַטן,
און ווער טרײַבט אייך אַלע, ווער?
אין אונזערע גוטע צײַטן
ווילט זיך לעבן מער און מער!

מיינע שכנים

צו אַלע, צו אַלע, צו אַלע מיין רוף,
צו די, וואָס באַרוישן מיט האַמערס די לופט.

צו אַלע, וואָס קענען זיך שפּאַנען אין שפּאַן
און קנעטן די ליים פאַר מיין היים, פאַר מיין לאַנד.

צו די נאָר, צו די נאָר, צו די נאָר מיין רוף!

ס׳האָט יעדערער זיין חן,
ס׳האָט יעדערער זיין ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין,
וואָס ער קען!

צו יענע, צו יענע, צו יענע מיין ליד,
וואָס ווערן פון מי און פון אומרו ניט מיד.

און טרייהייט מיט פרייהייט איז ניט נאָר קיין גראַם,
אַ גראַם און אַ קלאַנג און אַן אויסגעשריי סתם, —
צו יענע, צו יענע, צו יענע מיין ליד!

ס׳האָט יעדערער זיין חן,
ס׳האָט יעדערער זיין ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין,
וואָס ער קען!

צו אַלע, צו אַלע, צו אַלע מיין וואָרט,
צו די, וואָס באַזינגען די מי פון מיין דור,

דעם בלי פון מיין לאַנד
און דעם גלאַנץ פון מיין שווערד,
צו די, וואָס באַדעקן מיט יום־טוב די ערד, —

צו אַלע,
צו אַלע,
צו אַלע מיין וואָרט!

ס'האָט יעדערער זיין חן,
ס'האָט יעדערער זיין ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין,
וואָס ער קען!



מאַרק שאַגאַל — מיינע שכנים

אינהאַלט:

I

זייט

דאָס איז מיינס......7
ווער בויערט די שטילקייט......9
די טייגע וואָרט......10
צום שטילן אָקעאַן......12
אַמוריזעט......13
ביי די שייטערס......15
אינדערהיים......19
ביראָבידזשאַנער וויג־ליד......21
ביראָבידזשאַנער מאַרש......23
אף דער בירע......24
לאַנדאָקער לאַנדיש......26
דאָס האָסטו, ביראָבידזשאַן......28
ביראָקאַנער מירמל......29
פּאַרטאָג......32
ביראָבידזשאַנקעס......35
פּאַסטעכלעך......37
ביראָבידזשאַנער פרייל ערכס......40
אַ נס אין דער טייגע......43
דער אוצר......45
א חתונה אין ביראָבידזשאַן......54

II

אַן אַלטער ניגון......63
איך בין א גבר......65
די עלטער......67
מיין ליבער......69
אין וואַלד......73
ווי דאָס גראָז......74
אשר'ן......76
קינדהייט......77
דאָס בערעזענע געזינדל......79

זייט

די מאַמע פרעגלט איינגעמאַכטס......81
מיין מוטער......85

III

לאָמיר הייבן דאָס קול......93
דאָס ליד פון ערד־אַרבעטער......94
אַ סאַמעטענער טאָג......95
צוויי ברעגן......97
פרישקייט......99
הייבט די העק......100
די זון איז אויפגעגאַנגען......101
טייכן......103
אַ רעגן......104
שפּאַנען מיר דעם שליטן......106
לייקע......111
שימקעס געוויין......114
לאָמיר לאַכן......116
אונזער לאַשעק......118
ריווע טוועד......120
גוטע צייטן......122
מיינע שכנים......124

צייכנונגען פון מאַרק שאַגאַל

דאָס איז מיינס......7
און די קלעזמער שפּילן......17
אַ חתונה אין ביראָבידזשאַן......59
די עלטער......68
מיין ליבער......71
מיין מוטער......83
שפּאַנען מיר דעם שליטן......109
מיינע שכנים......126